

בס"ד / שנה ז' / פרשת נח / נומער 330


**לעיק פראנט ישוב אין פלארידא א פאקט**
גרשון קרעמער

**בנימין חסין פון איראק באפרייט**
אידישע נייעס

**דורגעפאלענע פארכאפונג פונעם דובאי פליגער**
וועלטליכע נייעס

**איך האב דיר נישט אפגעענטפערט**
בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

**א פארפאטשקעטע יאר**
משה ארי' שניצלער

**בילדער פון חודש תשרי**
געשעענישן


# תורתי אל תעזבו

אומפארגעסליכן חודש תשרי בצל הראש ישיבה שליט"א, מיט די תפילות, דרשות, ריקודין.
ובפרט בלייבט אין זכרון דעם פרייליכן הכנסת ספר תורה פון דומ"ץ דקהילתנו שליט"א, וואס איז אפגעראכטן געווארן חוה"מ, ביומא דהילולא של רבינו.

**בס"ד**

פרשת נח
תשפ"ז

**נומער**
**329**
שנה ז'

| | |
|---|---|
| **04** | עידנו |
| **06** | אידישע נייעס |
| **10** | וועלטליכע נייעס |
| **12** | אלץ און אלעמען |
| **14** | בריוו פון ר"י שליט"א |
| **16** | מעשיות פון תפילה |
| **18** | פשרה'לאך |
| **20** | קוק אהער |
| **22** | מעשה פון א צדיק |
| **24** | געדאנקען |
| **35** | הילולת רבינו |
| **39** | הכנסת ספר תורה |



















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

# בלעטל

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**

צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן
שטיקער פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

בעזהשי"ת

רענט קאמפיין
מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

# מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו

# מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו

# מו"ה הרוצה בעילום שמו הי"ו

פארן זיין

# פרנס החודש חשון

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבינ'ס מוסדות זאל אייך
ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע
יארן, מיט פיל סייעתא דשמיא.

# אידנו

## פארמאכן די דרויסנדיגע פייפס

אזויווי עס האט שוין אנגעהויבן ווערן קאלט אין שטעטל, ווילן מיר דערמאנען אלע איינוואוינער צו געדענקען צו פארמאכן די וואסער-ליינס פון די דרויסנדיגע וואסער קראנען, וואס אויב מען לאזט דאס אפן, קען דאס וואסער דערין פארפרורין ווערן און די פייפס קענען פלאצן, וואס דאס פירט צו גרויסע געלט שאדנס.

## השבת אבידה

ווי אלע ווייסן עקזעסטירט שוין א לאנגע צייט די השבת אבידה שטיבל אין שטעטל, אנגעפירט ביי אונזער חבר מו"ה שמשון הערש טייטלבוים הי"ו, ווי אלע געטראפענע חפצים קומען אן ביי אים אינדערהיים, און ווער עס זוכט זיין חפץ קומט עס נעמען פון זיין שטוב, וואס דאס האט שוין אפגעראטעוועט גאר אסאך געלט פון אנשי שלומינו במשך די לעצטע פאר יאר.

יעצט ווערט געזוכט א משפחה וואס איז גרייט איבערצונעמען און אנצופירן מיט די "השבת אבידה" ארגאניזאציע אין שטעטל, צוליב דעם וואס עס וועט שוין נישט זיין שייך עס זאל ווייטער זיין ביי אים אין שטוב.

אויב איר זענט גרייט זיך אונטערצונעמען די גרויסע מצוה, ביטע זיך ווענדן צו חבר הנהלה מו"ה משה ראזענבערג הי"ו.

## פערמיט פאר די ווילידזש עירוב

מיטן אייבערשטנ'ס הילף נאכן ווארטן א לאנגע צייט האט מען ענדליך ערהאלטן די נויטיגע פערמיטס פון די יוטיליטי קאמפעניס צו קענען ניצן זייערע שטאנגען צו בויען דעם עירוב אינעם ווילידזש געגנט, וואס כדי אויפצושטעלן דעם עירוב פעלט זיך אויס צו ניצן די יוטיליטי שטאנגען, עס האט זיך געשלעפט א לאנגע צייט ביז מען האט באקומען די רשות דערויף, און ב"ה יעצט איז אנגעקומען די גליקליכע מינוט וואס זיי האבן באשטעטיגט אז מען קען טאקע ניצן זייערע שטאנגען פאר דעם.

יעצט האלט מען שוין ביי א מצב אז מען איז גרייט אנצוהייבן מיט די בוי-ארבעט; עס פעלט נאר אויס דאס געלט צו דעקן די הויכע קאסטן.

יעצט איז דא די איינמאליגע געלעגענהייט ארויסצוהעלפן בויען דעם וויכטיגן עירוב, וואס הונדערטער משפחות גייען דאס ניצן יעדן איינציגן שבת במשך דעם יאר, און מיט דעם מאכט מען פשוט גרינגער פאר אנשי שלומינו וואס וואוינען שוין אין דעם געגענט, און פאר די משפחות וואס גייען זיך אם ירצה השם בקרוב אריינציען.

צו נעמען א חלק אין די הוצאות - וואס ווי באקאנט איז בויען אן עירוב מסוגל פאר קינדער און האט נאך געוואלדיגע סגולות - קען מען זיך ווענדן צו מו"ה נח הערש ווייס הי"ו אויף: 845-707-6374.

נייעס'לעך

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

**חברי הנהלה**



# אידישע נייעס



## נייער ישוב, "לעיקפראנט עסטעיטס", ווערט געגרינדעט אין אוקיטשאובי, פלארידא.

אין א היסטארישע אנטוויקלונג עפענט זיך די טעג אין פלארידא א נייער היימישער ישוב מיט'ן נאמען "לעיקפראנט עסטעיטס", און ווי מען הערט האבן שוין די ערשטע צענדליגער משפחות אנגעהויבן אריינצוציען אהין.

דער פראיעקט געפינט זיך אין גלעידס קאונטי, נעבן דער שטאט אוקיטשאובי, ממש ביים ברעג פונעם באקאנטן "אוקיטשאובי לעיק". עס האנדלט זיך דא פון א ריזיגן שטח פון בערך 550 אקער לאנד. לויט די פלענער וועט דער ישוב קענען אקאמאדירן ביז טויזנט הייזער, און די פלענער רעכענען שוין אריין אלע געברויכן פארן ציבור, ווי א בית המדרש, א מקוה, מוסדות פאר די קינדער און לאקאלע געשעפטן.

אבער די נייעס איבער אוקיטשאובי איז בלויז איין טייל פון א פיל גרעסער בילד. אין די לעצטע יארן הערט מען כסדר פון נאך א פרישע געגנט, נאך א נייע דעוועלאפמענט, און נאך א פלאץ וואו היימישע משפחות זוכן זיך צו באזעצן.

דאס אלעס פאסירט ווייל ברוך השם, מיר לעבן אויפ'ן דרך התורה מיט שיינע גרויסע משפחות און פילע קינדער בלי עין הרע; מען מאכט חתונה די קינדער, דער עולם וואקסט ווי אויף הייוון, און די עקזיסטירנדע ישובים קענען עס שוין מער נישט דערהייבן.

און וויבאלד דער פארלאנג נאך הייזער וואקסט כסדר, ווערן די פרייזן פון די דירות אויך אלס העכער און העכער, ביז עס קומט צו א מצב אז זייער פילע אידן אין די גרויסע שטעט קענען מער נישט באצאלן די הויכע פרייזן. די פרייזן זענען פשוט פיל מער ווי זיי קענען זיך ערלויבן.

דאס האט גורם געווען אז אין די לעצטיגע יארן האבן זיך געעפנט אסאך נייע ישובים, אנגעהויבן פון אונטן אין ניו דזשערסי ביז ארויף אין די קעטסקילס בערג. אין ניו דזשערסי וואקסן די היימישע געגנטער ארום לעיקוואוד מיט ריזיגע נומערן, ווי למשל דזשעקסאן און טאמס ריווער; דערנאך זענען דא די פילע נייע ישובים ארום ניו יארק סיטי, ווי לינדען, סטעטן איילענד און דזשערסי סיטי.

פון דארט גייען מיר ווייטער צום האדסאן וועלי, וואו די ישובים ווי מאנסי און קרית יואל האבן זיך אויסגעשפרייט אויף ריזיגע שטחים ארום און ארום. דאס איז אויסער די נייע ישובים וואס זענען געגרינדעט געווארן אין די לעצטע יארן אין די קעטסקילס געגנט, ווי בלומינגבערג, מאנטיסעלא און קרית סקווירא.

און איבער אלעם, דאס נייע שיינע שטעטל "קרית ברסלב", וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געגרינדעט מיט עטליכע יאר צוריק אין ליבערטי, וואו עס וואוינען משפחות מאנשי שלומינו וואס לעבן מיט'ן אייבערשטן און זענען זיך מתענג על ה'.

מען לעבט דארט אינעם שויס פון די נאטור מיט א געוואלדיגע הרחבת הדעת, און בפרט אז מען קען דארט כסדר ארויסגיין אויף א שפאציר מיט'ן אויבערשטן און זיך דורכשמועסן מיט אים עטליכע מינוט יעדן טאג; מען לעבט דארט ממש ווי אין גן עדן אויף דער וועלט.

אזוי אויך האבן זיך לעצטנס געעפנט פרישע ישובים אין

## מיט א
## ברסלב'ע
## בליק

גרשון קרעמער

ווייטערע סטעיטס, ווי למשל אין אריזאנע. יעצט איז געקומען די רייע אויף פלארידע, וואו עס האט זיך געגרינדעט א היימישער ישוב ממש פון דאס ניי: מען האט גענומען א ליידיגן שטח און אויפגעבויט הונדערטער דירות מיט אלע קהילה'דיגע געברויכן, ווי א בית המדרש, מקוה, חדר, ישיבה, סקול און געשעפטן. דער נייער ישוב האט זיך נארוואס געעפנט, און אין די לעצטע וואכן האבן זיך שוין אריינגעצויגן די ערשטע צענדליגער משפחות בשעה טובה ומצלחת.

הגם מ'קען נישט זאגן פאר א מענטש וואו ער זאל וואוינען, איז אבער זיכער דא בעסערע פלעצער וואו צו וואוינען בעסער ווי אין די גרויסע שטעט. די שטאטישע איינוואוינער לויפן דאך אוועק יעדן זומער אין די בערג כדי זיך צו היטן פון די שווערע נסיונות פון שמירת עינים, און מ'איז זיך דארט מחי' פאר צוויי חדשים; אבער וואס טוט זיך מיט די איבעריגע חדשים פונעם יאר?

א מענטש ווערט פרעגן א שאלה: וואו זאל מען טאקע גיין? דאס דארף יעדער פאר זיך מאכן אן אמת'ן חשבון הנפש. אז מ'הייבט אן זוכן א נייע פלאץ זיך ארויסצוציען, איז דען די ערשטע זאך אויף וואס מ'דארף קוקן דער פרייז אדער דער וועטער? דער ראש ישיבה שליט"א זאגט, אז די ערשטע און וויכטיגסטע זאך כדי א ישוב זאל האבן הצלחה, זענען די מוסדות. א מענטש דארף זיך אליין פרעגן: וועל איך דארט האבן ערליכע חברים? וועט דארט זיין אן ערליכער רב, א דיין, א מורה דרך, און ערליכע מוסדות פאר מיינע קינדער? וועט מען דא קענען ווייטער ממשיך זיין אויפצושטעלן ערליכע אידישע דורות על דרך ישראל סבא, לויט די הייליגע מסורה וואס מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע עלטערן? וואס וועט מיר העלפן א שיין הויז אדער א געשמאקער וועטער, אויב די קינדער וועלן חלילה נאר שטרעבן צו כבוד און געלט?

זאל דער אייבערשטער העלפן אז אלע ישובים זאלן מצליח זיין, און אידישע קינדער זאלן דארט האבן א געשמאק לעבן ברוחניות ובגשמיות און קענען אויפציען זייערע קינדער על דרך התורה והיראה, און מיר זאלן שוין זוכה זיין מיטצונעמען די אלע שטובער קיין ירושלים בקרוב אינאיינעם מיט משיח צדקינו.

### העולם הזה דומה לפרוזדור בפני עולם הבא







# אידישע נייעס



## אידישער בחור פון איראק
## בנימין חסין
## געפונען באפרייט

מיט גרויס פרייד ווערט אויפגענומען די בשורה אין דער אידישער וועלט, אז דער בחור בנימין חסין איז ענדליך באפרייט געווארן פון טורמע אין דעם קורדישן טייל פון איראק, נאכדעם וואס ער איז דארט געווען פארשפארט פאר לאנגע און שווערע יארן.

די באפרייאונג קומט נאך א לאנגן און קאמפליצירטן לעגאלן קאמף, אין וועלכן עס איז צום ערשט געלונגען צו פארמיידן דעם הארבסטן אורטייל קעגן אים – א טויט אורטייל רחמנא לצלן – און דאס איבערצוטוישן אויף א טורמע טערמין.

אין די לעצטע תקופה האבן גוטע אידן און אדוואקאטן זיך ארייגעלייגט אינעם קעיס מיט אלע כוחות, אזוי אויך האבן אידן פון איבער די גאנצע וועלט געבעטן דעם אייבערשטן פאר אים ער זאל ניצול ווערן פון די גזר דין וואס איז געווען אויף אים אנגעשריבן, ביז דער אייבערשטער האט געהאלפן אז ער איז ענדליך באפרייט געווארן.

דער קאמף האט באקומען א נייעם שטארקן שטופ אין די וואכן פארן פארלאפענעם ראש השנה תשפ"ו, ווען דער עולם איז געווארן מער באקאנט מיט דעם שווערן מצב און א ברייטע קאמפיין איז אנגעגאנגען צו שאפן די נויטיגע געלטער. אידן פון איבעראל האבן זיך פאראייניגט צו העלפן ברענגען א סוף צו דער לאנגער פרשה.

און צום סוף איז אויפגעטריבן געווארן א גרויסע סומע געלט פאר די משפחה פון דעם הרוג, וועלכע האט מסכים געווען צו א סולכא – א פארגעבונג אין אויסטויש פאר א פארגיטיגונג, וואס האט באטראפן ארום א פערטל מיליאן דאלאר.

די נייעס איז אריינגעקומען אין די טעג פון ערב יום כיפור, ווען אלע גייען דורך אן ענליכן פראצעס; מיר בעטן פונעם אייבערשטן א "סולכא" - סליחה, מחילה וכפרה. מיר האבן א גוטע באשעפער, א מלך חפץ בחיים וואס זוכט אז מיר זאלן ארויסגיין זכאי בדין און פארשריבן ווערן בספר החיים.

ער פארלאנגט נישט קיין שווערע זאכן, נאר בלויז מיר זאלן אים זאגן: "זיי מיר מוחל, מיר גייען שוין זיין גוט", און ער שענקט אונז תיכף א מחילה, סליחה וכפרה.

אבער ביי א בשר ודם איז עס אסאך שווערער. אונזער געשיכטע ציט זיך שוין צוריק אסאך יארן. בנימין כאסין, וועלכער איז געבוירן געווארן אין ארץ ישראל, איז דעמאלט געפארן קיין איראק צו באזוכן פאמיליע מיטגלידער וואס האבן דארט געוואוינט.

בעת זיין וויילן אין לאנד, האט ער זיך אנגעשלאסן אין די קורדישע קרעפטן, וואס האבן דעמאלט געפירט א קאמף קעגן דער טעראריסטישער ארגאניזאציע "אייסיס", וואס האט פארנומען גרויסע טיילן פון איראק און סיריע.

אין א געוויסן מאמענט האט זיך אבער די רייזע פארוואנדלט אין א טראגעדיע.

## מיט א
## ברסלב'ע
## בליק

**גרשון קרעמער**

לויט די באריכטן, איז בנימין געפארן אין א טעקסי ווען דער דרייווער האט - לויט די באשולדיגונגען - פרובירט אים איבערצוגעבן פאר אייסיס. עס האט אויסגעבראכן א פיזישער געפעכט צווישן זיי, אין וועלכן דער דרייווער איז שווער פארוואונדעט געווארן און איז שפעטער געשטארבן פון זיינע וואונדן.

בנימין איז נאכדעם ארעסטירט געווארן דורך די איראקער אויטאריטעטן, און איז פאראורטיילט געווארן צום טויט דורך הענגען רח"ל.

פאר יארן לאנג איז דער קעיס געבליבן אונטערן אויבערפלאך, ווען פארשידענע עסקנים האבן פרובירט צו טון דערין און ארויסהעלפן אין דעם קאמפליצירטן פאל. דער דורכברוך איז געקומען ווען א גרופע היימישע עסקנים, אינאיינעם מיט אדוואקאטן, האבן באוויזן איבערצורעדן די משפחה פונעם גע'הרג'עטן אז זיי זאלן זיך לאזן איבערבעטן - אן אנגענומענער מהלך אין יענע לענדער.

די "סולכא" האט צום ערשט געברענגט דערצו אז דער טויט-אורטייל זאל בטל ווערן, און די שטראף איז געטוישט געווארן צו א לאנגן טורמע טערמין. נאך ווייטערדיגע השתדלות איז ענדליך דערגרייכט געווארן דער פאזיטיווער רעזולטאט: בנימין איז ברוך השם באפרייט געווארן פון טורמע.

נאך אזויפיל יארן פון זיין אפגעריסן פון זיין היים און משפחה, איז די בשורה איבער זיין באפרייאונג אויפגענומען געווארן מיט גרויס התרגשות.

נאכן באפרייאונג איז ער גלייך צוריקגעפארן קיין ארץ ישראל, וואו ער האט זיך נאכאמאל טרעפן מיט זיינע נאענטע, וועלכע האבן במשך די לאנגע יארן געווארט און מתפלל געווען אויף דעם טאג.

### אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם אל ימנע עצמו מן הרחמים



בעזהשי"ת

חיים יוסף דוד ווייס
דומ"ץ
קהל יטב לב דסאטמאר
אנטווערפען יצ"ו

Rabbi Ch. J. D. Weiss
Jacob Jacobsstraat 39
2018 Antwerpen
Tel. (32/3) 233.84.84

קריאה רחופה להצלת נפש - בפיקוח נפש

במדינת עיראק נמצא בחור אחד בשם בנימין חסין נ"י, שנעצר בבית האסורים בפסק של מות ר"ל, מחמת שנהרג אחד בשוגג על ידו.

ואחר מו"מ של כמה שנים, המשפחה של הנהרג הסכימו לסלוח לו בעד רבע מיליאן דולר, (חוץ מהוצאות של העו"ד וכו').

הכסף ינתן רק אחר שישתחרר, ואני שולח לשם שליח מיוחד, עסקן ירא"ש ויודע בטיב מו"מ, והמבין יבין.

רחמנים בני רחמנים, נא להציל נפש אחת, (כאילו קיים עולם מלא), מרדת שחת, ואני בעצמי אחראי על זה שהכסף יגיע למקום המיועד, כשישוחרר בס"ד, ויפה שעה אחת קודם, כמפורש ברמב"ם ובנו"כ, דאסור להשהות שעה אחת בפדיון שבויים.

באעה"ח עש"ק לס' השקיפה ממעון קדשך מן השמים, תשפ"ה לפ"ק.

חיים [signature] ווייס

חיים יוסף דוד ווייס
דומ"ץ
קהל ייטב לב
דסאטמאר
אנטווערפען יצ"ו
RABBI Ch. J. D. WEISS



# וועלטעלע



## הײדזשעק פּרואוו אויף פליגער פון דובאי קיין ארץ ישראל איז ב"ה דורכגעפאלן

פארגאנגענע וואך מיטוואך, חול המועד סוכות, האט פאסירט א האר אויפשטעלנדע אינצידענט אויף א פליגער פון "פליי-דובאי" וואס איז געפארן פון דובאי קיין ארץ ישראל. אויפן פליגער האבן זיך געפונען ארום 174 פאסאזשירן, וואס רוב רובם פון זיי זענען בירגער פון מדינת ישראל.

נאכן פליען פאר עטליכע שעה האט דער עראפלאן זיך פלוצלינג גענומען פאלן, און איז אראפגעפלאגן ארום פערצן טויזנט פוס אין ווייניגער ווי דרייסיג סעקונדעס. באלד דערנאך האט דער פליגער אויסגעשיקט אן עמוירדזשענסי "הײדזשעק" סיגנאל.

לויט באריכטן האט דער צווייטער פילאט אטאקירט דעם פילאט און פרובירט אים שעדיגן, מיט'ן פלאן דערנאך צו קראכן דעם פליגער אין ארץ ישראל און אומברענגען רח"ל אלע פאסאזשירן.

דער אייבערשטער האט געהאלפן אז דער קאפיטאן האט זיך נישט געלאזט, און אינמיטן זיך ראנגלען פאר זיין לעבן האט ער באוויזן צו עפענען די טיר פונעם קאקפיט. די פאסאזשירן האבן באוויזן אוועקצושלעפן און אומשעדליך מאכן דעם הײדזשעקער.

צוויי אנדערע פילאטן, וואס האבן זיך דאן בהשגחה פרטיות געפונען אויפן פליגער צווישן די רייזענדע, האבן איבערגענומען די לייצעס פונעם פליגער וואס האט צום סוף געלאנדעט בשלום אין טאבוק, סאודי אראביע. דער פילאט געפינט זיך יעצט אין שפיטאל.

מדינת ישראל בארימט זיך אלעמאל מיט זייערע גרויסע זיכערהייט מאסנאמען וואס קיינער קען נישט איבערקומען; זיי האבן טרעניערטע אגענטן וואס פרעגן אויס די פאסאזשירן ביים אנקומען אין לופטפעלד מיט אומשולדיג-אויסזעענדע פראגעס, אבער - לויט ווי די לעגענדע גייט - קענען זיי דערשמעקן א טעראריסט פון א מייל ווייט...

יעצט האבן מיר געזען ווי שטארק מען קען זיך פארלאזן אויף זיי. פון זייער זייט וואלט א טעראריסט נישט נאר געקענט ארויפקומען אויפן פליגער, נאר האט אפילו געקענט זיין א פילאט...

אבער דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אידישע קינדער און געמאכט ניסי נסים, אז דער פילאט האט געקענט עפענען די טיר אין די לעצטע מינוט. און "פונקט" (פונקט מיינט אויף אידיש "בהשגחה פרטיות") האבן זיך געפונען ערפארענע פילאטן אויפן פליגער וואס האבן געקענט איבערנעמען די קאנטראל.

לאמיר ווייטער בעטן דעם אייבערשטן ער זאל האלטן זיין רעכטע האנט איבער אונז, און עס זאל מקוים ווערן "והסר שטן מלפנינו ומאחרינו" ברוחניות ובגשמיות, אמן.

**אם ד' לא ישמור עיר שווא שקד שומר**

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם

**גרשון קרעמער**




## באמיאונגען ווערן געמאכט צו ברענגען פרישע עירליינס צום סטוארט עירפארט אין ניובורג, ניו יארק.

פאר רוב פון אונזערע ליינער וואלט זיכער געווען אסאך באקוועמער צו קענען ניצן דעם סטוארט עירפארט פאר א נסיעה קיין אומאן אדער פאר סיי וועלכע אנדערע רייזע.

וואס איז די מעלה פון דעם עירפארט? עס איז א רואיג פלאץ, רעלאטיוו קליין, אן דעם גרויסן געדרענג וואס מען טרעפט אין די דריי גרויסע סיטי עירפארטס. מען דארף נישט זיצן אין קיין טרעפיק אויפן וועג אהין, און די שורות ביים טשעק-אין און סעקיוריטי זענען פיל שנעלער און קערצער. דערווייל זענען אבער נאכנישט דא דארט קיין סאך פלייטס.

דאס איז אבער נישט צוליב דעם וואס דער עירפארט איז קליין - ווייל באמת איז עס בכלל נישט אזוי. די ראנוועיס אין סטוארט זענען ריזיג גרויס, פון די גרעסטע אין גאנץ אמעריקע, און עס ווערט אפיציעל פארערכנט אלס אן אינטערנאציאנאלער עירפארט וואס פארמאגט די גאנצע אינפראסטרוקטור צו קענען באהאנדלען ריזיגע פליגערס וואס פליען איבערן אקעאן.

באמת האט שוין אויסגעזען ווי דער עירפארט הייבט אן צו בליען און מצליח זיין, אבער דאן האט דער אייבערשטער געשיקט "קאוויד" אויף די וועלט. אלס א תוצאה פון די שווערע צייטן וואס די עירליינס האבן דורכגעמאכט דורכאויס קאוויד, האבן פילע עירליינס אפגעשטעלט זייערע רוטס פון סטוארט, זינט זיי האבן זיך געמוטשעט אנצופילן די פליגערס איבעראל.

דאס זעלבע פרובירן יעצט די לאקאלע באאמטע צו טון; זיי פרובירן צו עפענען א קליינע טיר מיט די האפענונג אז דאס וועט עווענטועל עפענען א גרויסן טויער. מען רעדט יעצט איבערן גרינדן א ספעציעלן פאנד. סטעיט סענאטאר סקופיס ארבעט אינאיינעם מיט די "האדסאן וועלי עקאנאמישע דעוועלאפמענט קארפארעישאן" (HVEDC) און די "פארט אויטאריטי" אויף א נייעם פראגראם וואס ווערט גערופן א "מינימום פארדינסטן גאראנטי". מען וועט צושטעלן פאר אן עירליין א סארט "אינשורענס" ווען זי עפנט א נייע רוט פון סטוארט עירפארט.

דער נייער פאנד אנטשפרעכט צו דעקן דעם לאך, אויב די רוט פארדינט נישט אין די ערשטע תקופה ווי ערווארטעט.

עס ווערט איבערגעגעבן אז עס קומען שוין פאר ערנסטע געשפרעכן מיט א גרויסער עירליין איבער די מעגליכקייט צו עפענען א נייע ליניע פון סטוארט עירפארט צו איינע פון אירע הויפט 'האבס', וואס דאס וועט געבן די געלעגנהייט צו קענען נעמען א פלייט מיט א סטאפ-אווער אינעם 'האב' צו גאר אסאך וויכטיגע דעסטינאציעס.

יעצט בלייבט איבער צו זען וואס עס וועט זיך צום סוף אויסלאזן, אז מיר וועלן בעטן דעם אייבערשטן עס זאל צושטאנד קומען, וועט עס צום סוף ווערן.

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: "איך הער שוין מוצאי ראש השנה ווי דער שמש גייט ארום אויפוועקן צו סליחות".**

# אלץ און אלעמען



## דיהיידרעישאן

### שאלה

מיין שאלה איז איבער דיהיידרעישאן. איך האב נעכטן געהאט א זייער שווערע מעשה: איך בין אהיימגעקומען נאך א טאג ארבעט און איך האב זיך זייער נישט גוט געפילט. איך האב נישט געוואוסט וואס עס גייט פאר מיט מיר, און שפעטער האב איך זיך אויפגעוועקט אין אן אמבולאנס. מיין ווייב האט מיר דערציילט אז איך האב גע'חלש'ט.

איך האב זיך געפונען אינעם אמבולאנס מיט א געשטאכענע האנט אויפן וועג צום שפיטאל. זיי האבן מיר געזאגט אז איך בין זייער אויסגעטרוקנט (דיהיידרעיטעד), און דערפאר געבן זיי מיר פליסיגקייט דורך די אדערן. איך האב זיי געזאגט: ”איך וועל טרינקען וויפיל וואסער איר ווילט, אבער לאזט מיך אהיימגיין,” אבער זיי האבן מיר מסביר געווען אז עס ארבעט נישט אזוי און מען מוז אריינפארן אין שפיטאל זיך איבערצוטשעקן.

אין שפיטאל האט מען מיר געזאגט אז איך האב געהאט גרויסע נסים, ווייל די דיהיידרעישאן איז געווען זייער ערנסט. איך בין דארט געבליבן א גאנצע נאכט ביז מען האט מיר ברוך השם באפרייט.

וואס איך וויל פארשטיין איז: וואס פונקטליך איז דיהיידרעישאן? און וואס איז שוין אזא עסק אויב איך האב געטרונקען אביסל ווייניגער וואסער?

### ענטפער

א גרויסן יישר כח פאר דיין שאלה. לאמיר קודם ענטפערן אויף דיין פראגע איבער דעם ווארט ”דיהיידרעישאן”. אזוי ווי אסאך מעדיצינישע טערמינען, שטאמט דאס ווארט פון גריכיש און לאטייניש. אין גריכיש מיינט דאס ווארט ”הידרא” וואסער, און אין לאטייניש, ווען מען לייגט צו דעם פרעפיקס ”די” פאר א ווארט, מיינט עס ”אָן” אדער ”ווייניג”. אין פשוט'ן אידיש וואלט מען עס אפגעטייטשט אלס ”א מצב פון מאנגל אין וואסער”.

עס איז א געוואלדיגער וואונדער פונעם באשעפער צו זען פון וואס א מענטש באשטייט. מען קוקט אן א מענטש און מען מיינט אז ער באשטייט בלויז פון פלייש און ביינער, אבער דער אמת איז אז א גרויסער טייל פונעם מענטש איז וואסער.

מער ווי האלב פונעם מענטשליכן קערפער איז וואסער; בשעת פראטעין, פעטס, מינעראלן, קארבאהיידראטן און אלע אנדערע באשטאנדטיילן נעמען אינאיינעם אויף בערך 40 פראצענט

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447

פונעם קערפער, באשטייט די איבעריגע בערך 60 פראצענט פון פשוט'ע וואסער.

פונקט ווי א מענטש פארשטייט אז ברוחניות דארף מען כסדר האבן תורה - און אפילו עס קען אויסזען פונדרויסן ווי דער מענטש גייט אן געהעריג, ער האט א שיינע רעקל, א נייע קאר, און ער פארט אויף וואקאציע, אבער אן תורה איז דער מענטש "טרוקן" און ער קען נישט פונקציאנירן. ער דארף עמוירדזשענסי עפענען א גמרא, ווייל אויב נישט, וועלן אלע זיינע ארומיגע ליידן פון אים א גאנצן טאג מיט טענות ווי "פארוואס קוקסטו?" אדער "טאנץ נישט!".

די זעלבע זאך איז בגשמיות: ווען א מענטש טרינקט נישט גענוג פליסיגקייטן, אפילו אויב ער עסט גענוג און מען זעט עס נישט אן פונדרויסן, קען ער נישט געהעריג אנגיין. בפרט אין א הייסן זומער טאג, ווען מען שוויצט און מען פארלירט אסאך פליסיגקייטן, דארף מען טרינקען פיל מער. עס איז דא געוויסע פרוכט וואס געט אויך אריין אינעם מענטש פליסיגקייט (זע אינעם בילד).

זיסע סאדע אדער דזשוס העלפט נישט; דער מענטש דארף וואסער - פשוט'ע, ריינע, געשמאקע וואסער - און דאס וועט אים בעז"ה האלטן געזונט.

א מענטש דארף האבן פשוט'ע ריינע תורה - זיך אנצופילן אין די גוטע צייטן מיט אסאך משניות, אזוי אז ווען עס וועט קומען א שווערע צייט און מען וועט שוויצן פון נסיונות, זאל מען קענען אנגיין נאר מיט דעם כח התורה.

די זעלבע זאך איז מיט אמונה. א מלמד האט אמאל געפרעגט דעם ראש ישיבה וויפיל צייט ער זאל אוועקגעבן אין חדר פאר אמונה. ער האט מסביר געווען "מען דארף דאך האבן צייט פארן דאווענען, פארן עסן, פאר חומש, פאר שרייבן און פארן שפילן, איז וויפיל צייט זאל מען ווידמען אויף צו חזר'ן אמונה?" האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "גארנישט."

- "גארנישט?!"

- "וויפיל צייט געסטו אוועק אויף צו אטעמען?" האט אים דער ראש ישיבה צוריקגעפרעגט.

- "וואס הייסט? מען דארף נישט ספעציעל אוועקגעבן קיין צייט פאר דעם, יעדע זאך טוט מען דאך בשעת מען אטעמט! מען דאווענט מיט אטעמען, מען עסט און מען אטעמט, און מען שפילט בשעת מען אטעמט."

- "די זעלבע זאך איז מיט אמונה," האט דער ראש ישיבה געזאגט. "יעדע זאך דארף מען טון מיט אמונה. א גאנצן צייט, בשעת מען לערנט, מען עסט אדער מען שפילט, טוט מען אלעס מיט אמונה."

און דערפאר דארף מען שוין יעצט אנהייבן זיך אנצופילן.

ווארט נישט ביז דו ביסט שוין אינגאנצן אויסגעטרוקנט און ערשט דעמאלטס הייבסטו אן זוכן וואסער; דו ווילסט דאך נישט אנקומען אין שפיטאל. ווארט נישט ביז עס קומט א שווערער נסיון און ערשט דעמאלטס הייבסטו אן זוכן אמונה. פאק זיך אן יעדן טאג מיט נאך א ביסל תורה, נאך א ביסל תפילה, און נאך א ביסל אמונה, ווייל פונקט ווי דער גוף קען נישט לעבן אן וואסער, קען א איד נישט לעבן אן אמונה.



# איך האב דיר נישט אפגענארט



**בעזהשי"ת – יום ב' פרשת נח, כ"ט תשרי, שנת תשע"ז לפ"ק**

לכבוד ... ני"ו

היינט איז א גרויסע טאג ביי מיר אז מיר האבן אנגעפאנגען היינט די ניינטע יאר ישיבה; ערב יום כיפור תשס"ט האט מען מיך ארויס געווארפן פון ... ווייל איך האב געמאכט אז בחורים זאלן לערנען משניות און זיי זאלן נישט מורא האבן ווען איינער זאגט זיי אז זיי זענען פארפאלן (אויף א צווייטע פלאץ האב איך שוין אראפ געשריבן די גאנצע מעשה). און מוהרא"ש האט מיר געשריבן א בריוו אז איך זאל עפענען א ישיבה.

ברוך השם אז איך האב געפאלגט און געעפענט די ישיבה ב' נח שנת **תשס"ט** וואס איז די ר"ת **ת'הא ש'נת ס'ימן ט'וב**, און היינט גיי איך אריין אין די ניינטע יאר וואס דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די זכיה צו קענען חזר'ן מיט בחורים און אינגעלייט די דיבורים וואס איך האב זוכה געווען צו הערן פון מוהרא"ש זי"ע.

די ישיבה איז געשטעלט בעיקר אויף צוויי נקודות: **תורה** און **תפילה**. וועסטו מיר פרעגן: יעדע ישיבה איז דאך געשטעלט אויף דעם?! פרעגסט גוט, דער תירוץ איז אבער, אז מען גיבט נישט די וועג פארן בחור צו קענען לערנען און דאווענען; ברוך השם אז אין די ישיבה לערנט מען אויפן דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן עו): **"שאין צרכין בלימוד רק האמירה לבד, לומר הדברים כסדר, וממילא יבין"**, יעדע בחור וואס קומט אריין אין ישיבה ליידיג, פוסט און וויסט, ווערט אנגעפילט מיט תורה. בחורים וואס האבן קיינמאל נישט געעפענט א ספר, בחורים וואס האבן געמיינט אז די תורה איז נאר געגעבן געווארן פאר גרויסע לייט און זיי זענען פעלערס.

די צווייטע נקודה איז תפילה, אז א מענטש זאל וויסן אז וואס ער דארף זאל ער נאר בעטן דעם אייבערשטן, ער זאל נישט נאכלויפן קיין שום מענטש און נישט חנפ'ענען קיינעם. מוהרא"ש שרייבט אין די צוואה (אות ט) א מורא'דיגע לשון: **אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין**

# א בריוו פון דער ראש ישיבה

**עצתו אמונה נח תשע"ז**

**שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ'עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.**

**פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט אַייךְ נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, יֶענֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט פוּן דֶעם. אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אָבֶער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ.** דאס חזר'ט מען אין ישיבה טאג נאך טאג, דרשה נאך דרשה, אז מען זאל קיינעם נישט נאכלויפן נאר דעם אייבערשטן און מען קען גארנישט טון פאר א שידוך נאר בעטן דעם אייבערשטן און נאר לערנען תורה.

מוהרא"ש פלעגט כסדר זאגן: "איך קען זיך בארימען אז יעדער וואס האט זיך געדרייט דא אין 'היכל הקודש' און ער איז נאכדעם אוועק געגאנגען האט מיט גענומען מיט זיך א חמשה חומשי תורה, א ששה סדרי משנה און דפים גמרא.

איינמאל האט מיר מוהרא"ש געזאגט זייער א שטארקע זאך וואס איז מיר זייער חביב: **"מיר קענען זיך בארימען אז מיר האבן נישט אפגענארט קיין שום מענטש, יעדער וואס האט געלערנט ביי דיר אדער זיך געדרייט ביי דיר האט ארויס געכאפט א ששה סדרי משנה מיט א חמשה חומשי תורה"**. אסאך מאל ווען איך בין ביי מיר זייער צובראכן טראכט איך פון דעם דיבור וואס מוהרא"ש האט מיר געזאגט.

א בחור דערציילט מיר אז ער איז געקומען אין קעמפ באזוכן א חבר וואס ער האט מיט אים געלערנט יארן צוריק, און ער האט געדארפט א קאווע, איז ער אריין געקומען אין שול און מיר האבן געהאלטן אינמיטן 'מלוה מלכה', אזוי זוכענדיג צוקער פאר די קאווע האט ער מיטגעהאלטן די דרשה און ער איז געבליבן שטיין פארגליווערט, ער האט שוין נישט געטרינקען די קאווע. יעצט זאגט ער מיר אז ער האט געמאכט א סיום אויף ששה סדרי משנה, דאס איז חוץ פון דעם וואס ער האט אנגעפאנגען היטן שבת וכו' וכו', פון איין דרשה וואס ער האט געהערט.

דער רבי האט געזאגט: (שיחות הר"ן, סימן נ"א) **"את זה תקבלו ממני, שלא יטעה אתכם העולם, כי העולם מטעה מאד"** דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר: די וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן.

עס קען אריבער גיין א יאר נאך א יאר און מען לערנט נישט קיין איין ווארט תורה, און אן תורה איז א מענטש אין א סכנה יעדע מינוט, און דאס איז מיין גרעסטע שמחה אז איך זיץ דא אין ישיבה מיט בחורים שוין אכט יאר, און יעצט גיי איך אריין אין די ניינטע יאר וואס איך וועל ווייטער אויס לערנען די בחורים זאלן וויסן אלע שיינע עצות וואס מיר האבן באקומען פון הייליגן רבי'ן.

נאך א גרויסע שמחה איז היינט אז מיר האבן היינט מסיים געווען 'ששה סדרי תוספתא'; מוהרא"ש האט געזאגט אז מען לערנט יעדן טאג א דף בבלי, א דף ירושלמי און א פרק תוספתא בויעט מען זיך א בית, די ר"ת פון **'ב**בלי **'י**רושלמי **'ת**וספתא איז **'בית'**. מען זעט אז יעדע מענטש וויל האבן אן אייגענע הויז און מען שוויצט פאר דעם א גאנץ לעבן, מען בארגט געלט און מען ווערט א גרויסער 'בעל חוב' און וואס בלייבט נאכדעם? גארנישט, ווייל ווען מען גייט אוועק פון דער וועלט נעמט מען נישט מיט די הויז, איז פארוואס זאל א מענטש נישט שטרעבן זיך צו בויען א הויז אויף יענע וועלט וואס בלייבט אויף אייביג און לנצח נצחים?! אויב מען לערנט יעדן טאג א בלאט גמרא פון בבלי און פון ירושלמי און מען לייגט צו א פרק תוספתא בויעט מען זיך אן אייביגע הויז וואס מען וועט מיט נעמען אויך אויף יענע וועלט.

איך בעט דיר זייער שטארק דו זאלסט זיך מאכן א חשבון וואס דו פלאנסט צו טוהן דעם ווינטער; עס קומט א לאנגע ווינטער, אדער קען מען ווערן א גרויסער ערליכער איד, אדער א 'הולטייער', ווייל ביינאכט איז א צייט אדער פון לערנען - גיין שלאפן פרי און אויפשטיין לערנען, אדער גייט מען טוהן עבירות רח"ל וואס ביינאכט איז די צייט וואס די קליפות געוועלטיגן.

איך האף אז דו וועסט זיך מאכן א סדר פאר דעם ווינטער מען קען שוין דאווענען פרי מעריב און נאכדעם אהיים גיין און נישט פארברענגען אויפן גאס מיט חברים נאר אויסניצן די צייט אויף תורה ותפילה.

**א גוטן טאג.**

# מעשיות פון תפילה



**שלום אלי' אינדיג** | מאנטריאל

**1.** איך האב דרינגענד געדארפט האבן א גרויסע סכום געלט, און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען באקומען די גאנצע סומע.

א שטיק צייט צוריק האב איך געהאט אינוועסטירט געלט אין א געוויסע קאמפאני. פונקט יעצט האבן זיי מיר געקלונגען אז איך זאל ארייננלייגן נאך געלט ביי זיי, אבער איך האב זיי געזאגט אז איך דארף ענדערש צוריק מיין גאנצע געלט.

און שכח אייבערשטער זיי האבן גלייך מסכים געווען דערויף. אזוי ארום האב איך געהאט די גאנצע סומע געלט וואס איך האב פונקט יעצט געדארפט, און איינאיינוועגס איך פטור געווארן פון יענע קאמפאני, וואס עס קען זיין אז אויב איך וואלט געהאלטן דאס געלט ביי זיי ווייטער, וואלט איך עס נאך א שטיק צייט פארלוירן.

**2.** איך האב געדארפט צונעמען די סוכה, אבער איך האב נישט געהאט ביי מיר די 'ביט' וואס מען ניצט דערפאר, ווייל איך האב עס איבערגעלאזט אין שטעטל.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען טרעפן אזא ביט, און שכח אייבערשטער, א פלאמבער פון מיין געגנט (נישט יענער פלאמבער פון די דובאי פליגער...) האט מיר עס געבראכט.

אינמיטן צונעמען די סוכה איז די ביט אראפגעפאלן עטליכע שטאק אראפ, און אזא קליינע שטיקל איז דאך מורא'דיג שווער צו טרעפן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, און ברוך השם ממש נאך א מינוט זוכן האב איך עס געטראפן.

**יודל וייל** | וויליאמסבורג

**1.** גלייך נאכדעם וואס דער עולם איז צוריקגעקומען פון קאנטרי, בין איך געווען אינוואלווד אין א קאנסטראקשן פראיעקט פאר א שול, וואו מ'האט געלייגט נייע פענסטער. דער שכן דערנעבן, א גוי, האט אנגעהויבן צו מאכן צרות און פארפירן, ער האט אפילו גערופן די בילדינג דעפארטמענט אונז צו מסר'ן. איך האב נישט פונקטליך געוואוסט וויאזוי מ'ספראוועט זיך מיט די בילדינג דעפארטמענט, און אויך נישט וויאזוי מ'האנדלט מיט אזעלכע גוים.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן און אזוי אויך האב איך צוגעזאגט איבערצוגעבן א מעשה פון תפילה פארן בלעטל.

דער אייבערשטער האט געהאלפן און דער גוי האט זיך געבראכן. ער איז אליין אריבערגעקומען זאגן וואס עס שטערט אים, און די תפילות האבן אזוי שטארק געארבעט, אז אלע קאמפלעינס זענען אראפגענומען געווארן ממש אונטער פיר-און-צוואנציג שעה, ממש כהרף עין.

**2.** דעם טאג וואס איך בין געפארן צום רבי'ן אויף ראש השנה, האב איך געהאט פראבלעמען מיט קאן-עדיסאן און זיי האבן אפגעהאקט מיין לעקטער.

איך האב געבעטן: "רבונו של עולם, אויב מ'צינדט מיר אן די לעקטער נאך פאר איך פָאר ארויס, וועל איך עס מפרסם זיין".

דער אייבערשטער האט געהאלפן און אין וויינינגער פון א שעה איז שוין צוריק געווען עלעקטריק.

# פאַרזעצונג פון פריער:

**דער הייליגער רבי זאגט די תורה פון אריך אנפין דקליפה פאר רבי נתן און ר' נפתלי נאכן באגעגענען א קליפה רח"ל אויפן גאס, וואס דאס איז געווען א געוואלדיגע רוח הקודש פון רבי'ן.**

דעם הייליגן רבינ'ס

# לעבנסגעשיכטע

קע"ג

זוּנְטָאג, ה' אָב, דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל, אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן זַיין הוֹיז אוֹיפְ'ן וֶועג, מִיטְ'ן פְּלַאן צוּ פָארְן אוֹיף שַׁבָּת נַחֲמוּ צוּ ווִילְן אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אָדֶער אִין טְשֶׁעהְרִין.

וִוי נָאר זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן שְׁטָאט לַאדִיזִין, אִיז זֵיי דוּרְכְגֶעפָארְן אַ שַׁיָירָה מִיט אַסַאךְ סָאלְדַאטְן פוּן דִי קָאזַאקְן מִילִיטֶער, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְמָאנְט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן רוּסְלַאנְד, אוּן וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיט זֵיי בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוּן פוּן בִּיאַת הַגוֹאֵל בִּיז צוּ תְּחִיַּית הַמֵתִים.

דִי מִיטְרֵייזְנְדֶע הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר עֶרְשְׁטוֹינְט אוּן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן וָואס זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הֶערְן.

אוֹיפְ'ן וָואגְן אִיז גֶעזֶעסְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן נֶעבְּן אִים אִיז גֶעזֶעסְן זַיין אֵיידֶעם ר' יוֹסְקֶע, אוּן קֶעגְן אִיבֶּער זֵיי אִיז גֶעזֶעסְן רֶבִּי נָתָן אוּן ר' נַפְתָּלִי, אוּן אוֹיף דִי צְווֵיי זַייטְן פוּנֶעם וָואגְן זֶענֶען גֶעזֶעסְן צְווֵיי אִידְן פוּן טֶעפְּלִיק, אֵיינֶער אוֹיף אֵיין זַייט אוּן אֵיינֶער אוֹיף דִי צְווֵייטֶע זַייט. אַלֶע הָאבְּן גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דֶער גַאנְצֶער סֵדֶר וִוי אַזוֹי מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן.

דֶערְנָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעוָואלְט אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן מִיט ר' יוֹסְקֶע עֶפֶּעס וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶּער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזֶען אַז עֶר ווֵייסְט בִּכְלַל נִישְׁט פוּן וָואס עֶר רֶעדְט, אוֹיךְ ר' נַפְתָּלִי הָאט גֶעפְרֶעגְט עֶפֶּעס פוּן דִי צְווֵיי מֶענְטְשְׁן פוּן טֶעפְּלִיק, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אַן אַנוּנְג. דֶערְמָאלְט הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי ווִיל אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט ווִיסְן פוּן דֶעם.

דָאס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ, מַמָשׁ פִּלְאֵי פְּלָאִים, ווִי אַזוֹי אַלֶע זֶענֶען גֶעזֶעסְן נֶעבְּן דֶעם רֶבִּי'ן, יֶעדֶער הָאט גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן בְּשְׁעַת עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוּן דֶערְצֵיילְט, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט, נָאר רֶבִּי נָתָן אוּן ר' נַפְתָּלִי.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם גַאנְצְן שְׁמוּעֶס מִיט רָאשֵׁי תֵּיבוֹת, אוּן דָאס אִיז בַּאקַאנְט בֵּיי אוּנְז מִיטְ'ן נָאמֶען "מְגִילַּת סְתָרִים".

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רַב זי"ע אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אִין שְׁטָאט טִירְהָאוִויצֶע, עֶר אִיז גֶעזֶעסְן דָארְט בֵּיי אַ סְעוּדָה וָואס מֶען הָאט צוּגֶעגְרֵייט אִים אוֹיפְצוּנֶעמֶען, עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ גְרוֹיסֶע צִיבּוּר, אוּן אַזוֹי ווִי רוֹב שְׁטָאטְסְלַייט פוּן טִירְהָאוִויצֶע זֶענֶען גֶעוֶוען בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים, הָאט עֶר גֶערֶעדְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, סַיי פוּן זַיין אֵיינֶיגֶע גְרוֹיסְקֵייט אוּן סַיי אַלְס דִי זְכוּת פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע זֵיידְעס.

דֶערְנָאךְ הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי ווֶעלְכֶע זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר ווֵייסְט אַז רוּבָּם כְּכוּלָּם פוּן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים זֶענֶען גֶעוואלְדִיגֶע לוֹמְדִים, יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים, עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן בַּעֲלֵי מַדְרֵיגָה.

עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמָאלְט אוֹיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן אַז עֶר אִיז אַ צַדִיק.

ווֶען עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט אִיז עֶר גֶעזֶעסְן אוֹיפְ'ן וָואגְן צוּזַאמֶען מִיט ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק פוּן טְשֶׁעהְרִין זַ"ל, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רַב זי"ע הָאט אִים גֶעזָאגְט, "גְלֵייבּ מִיר, ווֶען אִיךְ ווָאלְט גֶעוואוּסְט אַז מֶענְטְשְׁן ווֶעלְן מִיר פָּאלְגְן, ווָאלְט אִיךְ גֶעשְׁרִיגְן אַזוֹי הוֹיךְ, פוּן אֵיין עֶק ווֶעלְט בִּיז דִי אַנְדֶערֶע, אַז ווֶער עֶס ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ צַדִיק, אַן אֶמֶת'עֶר עוֹבֵד ה', זָאל לוֹיפְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן ווֶערְן מְקוּרָב צוּ אִים. אִיךְ ווֵייס דָאךְ אָבֶּער דֶעם אֱמֶת אַז נִישְׁט נָאר וָואס מֶען ווֶעט מִיר נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, נָאר עֶס ווֶעט זִיךְ נָאךְ אָנְהוֹיבְּן אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיךְ אוֹיף מִיר, אוּן אֶפְשָׁר אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הָאט אַן הִרְהוּר תְּשׁוּבָה דוּרְךְ מִיר, אוּן אִיךְ ווֶעל דָאס אוֹיךְ פַּארְלִירְן, דֶערִיבֶּער מוּז אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן שְׁטִיל אוּן נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם".

*פאַרזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*




**אין** *קורצן פון פריער: ר' יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין די טמנ'א גאסן פון אמעריקע.*

*ער איז נישט מוותר אויף קיין מצוה.*

*מקפיד צו דאווענען מיט מנין יעדן טאג מיט מסירות נפש.*

*מאכט חתונה די קינדער יונגערהייט.*

***און יעצט ליינט ווייטער.***

**אן ערליכער איד פון אמאל (און היינט!)**

ביי א געלעגנהייט האט מיר מיין שוועסטער אסתר דערציילט, אז איין טאג ווען איר שוועער איז געווען ביי זיי אינדערהיים, האט ער אראפגעקוקט פון פענסטער און געזען א מראה וואס האט אים באאיינדרוקט. ער האט גערופן זיין זון (מיין שוואגער) און געזאגט: "קום און זע וויאזוי א ערליכער איד פון אמאל האט ווארשיינליך אויסגעזען."

זיי האבן אראפגעקוקט און געזען ווי מיין שוועער (ר' שמעון שיין) שאקלט זיך מיט'ן טלית קטן איבער א משניות און זאגט א משנה נאך א משנה.

"ער איז אן ערליכער איד," האט ער אויסגעפירט.

**א כלה קינד**

רוחמה דערציילט פון אירע זכרונות, אז ווען עס איז געקומען די צייט צו קויפן א חופה קלייד, האט רבי יעקב יוסף געבעטן פון זיין ווייב: "טו מיר א טובה און וואש מיר אויס מיין טלית. דאס וועט זיין פאר אייך א סגולה צו טרעפן א שיינע חופה קלייד."

איידל האט דאס געטון מיט גרויס שמחה, און נאר דערנאך זיך ארויסגעלאזט זוכן א חופה קלייד.

גייענדיג אין גאס זענען זיי פלוצלינג אריבער א געשעפט וואס פארקויפט חופה קליידער. "לאמיר דא אריינגיין," האט די מאמע פארגעשלאגן.

רוחמה מיט די מאמע זענען אריין אין געשעפט. די פרוי האט זיי העפליך אויפגענומען און געפרעגט מיט וואס זי קען העלפן.

"איך וויל קויפן א חופה קלייד פאר מיין טאכטער," האט איידל געזאגט.

"געוויס, מיר האבן א גרויסע אויסוואל. נאר איך קלער אז עס איז א גוטע עצה אז איר זאלט קומען אהער מיט די כלה, ווייל מען דארף עס אנמעסטן אויף איר."

רוחמה מיט איר מאמע האבן אויסגעטוישט בליקן, נישט פארשטייענדיג וואס די פרוי וויל, ביז זיי האבן געכאפט אז די פרוי חלומ'ט נישט אז עס שטייט פאר איר "די כלה אליינס"... ווייל לויט אירע באגריפן און סטאנדארטן איז רוחמה נאכנישט געווען "גענוג ערוואקסן" חתונה צו האבן!

"די כלה איז דא!" האט איידל געזאגט מיט א שמייכל.

"ניין! זאג מיר נישט!" האט די פארקויפערין געזאגט, האלטנדיג איר





ה א נ ט
אויפ'ן הארץ, "דאס קינד איז די כלה?"

"איך בין נישט אזוי יונג..." האט רוחמה זיך אויסגעצויגן, "איך בין שוין זיבעצן יאר אלט!"

די פארקויפערין האט געדארפט א מינוט צו קומען צו זיך, און דאן געזאגט: "איך האב א פאסיגע קלייד פאר א 'כלה-קינד' ווי דיר." זי האט ארויסגעברענגט א פאסיגע קלייד פונקט לויט רוחמה'ס מאס. איידל איז געווען זייער גליקליך, און אויך רוחמה איז געווען פרייליך.

"יעצט וועלן מיר דארפן א קאפ-צודעק," האט מרת הערמאן געזאגט פאר די פארוואונדערטע און איבערראשטע פארקויפערין. אין יענע צייטן אין דעם טריפה'נעם אמעריקע זענען ליידער די כלות געגאנגען מיט אפענע האר נאך די חופה, און האבן זיך נישט צוגעדעקט דעם קאפ, נישט מיט קיין שייטל און נישט מיט קיין שום צודעק.

די פארקויפערין האט שוין נישט געוואלט פרעגן קיין שאלות, נאר געזאגט: "געוויס... איך וועל מאכן א שיינעם צודעק און אויך א שלייער, אלעס פונעם זעלבן

מוסטער און סחורה."

"וויפיל דארף מען צאלן?" האט איידל געפרעגט.

"אלעס אינאיינעם איז אכצן דאלער (!!!)"

מרת הערמאן האט זיך נישט געדינגען אויף דעם טייערן פרייז, נאר געגעבן אן איינצאל און איז אהיים צופרידן.

ווען רוחמה איז אהיימגעקומען, האט רבי יעקב יוסף געהאלטן אינמיטן לערנען גמרא. ער האט זיך אפגעשטעלט און געפרעגט: "נו, רוחמה, מען האט אלעס געטראפן?"

"יא טאטע, אלעס! דאס קלייד, דעם צודעק, דעם שלייער... הערליך! דאס איז זיכער אינעם זכות וואס מאמי האט אויסגעוואשן דיין טלית פארן גיין."

ווען זיי זענען געקומען צוויי וואכן שפעטער אפנעמען דאס קלייד, האט די פארקויפערין געפרעגט אביסל אומזיכער: "מרת הערמאן, איך מעג זיך קומען באטייליגן ביי די חתונה? איך וויל זען וויאזוי א חתונה זעט אויס מיט א כלה-קינד..."

מ ר ת
הערמאן האט איר זייער גערן געגעבן דעם דאטום און דעם אדרעס וואו די חתונה וועט פארקומען.

נאך די חתונה האט רבי יעקב יוסף, ווי א געטרייער סאלדאט פארן אייבערשטן, אין א זייט גערוקט זיינע אייגענע אינטערעסן און זיין אייגענע הנאה, און געזאגט פאר רוחמה און פאר איר מאן אז עס וועט זיין א שטארקע תכלית פארן יונגן פארפאלק צו פארן קיין מירע ישיבה און דארט לערנען תורה.

דאס איז געווען זייער שווער פאר דער זיבעצן-יעריגער רוחמה. דאס לעבן אין יענע יארן (פאר דער צווייטער וועלט מלחמה) אין פוילן איז געווען זייער צוריקגעבליבן, און רוחמה, זיינדיג דאס יונגסטע קינד אין שטוב, איז געווען זייער צוגעבונדן צו איר טאטע און מאמע.

אבער ווי איר חינוך האט איר געלערנט, האט מען שטענדיג געטון וואס איז ריכטיג און נישט וואס איז געשמאק, און אויך יעצט האט רוחמה געטון א שריט וואס איז איר אנגעקומען גאר נישט גרינג.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# קוק אהער

## עולם הפוך ראיתי

צווישן דעם געדרויף פון דעם פיינעם "אווערנייט קוגל" מיט די פארע פון די האליפטשעס, בשעת איך מוטשע מיך מיט די קענדי וואס האט זיך אנגעקלעבט אויף מיין שיך ווען מיין מיידל באכעט מיר אין אויער אז זי דארף אויך א תורה.

מיינע בליקן פליען גראד צו מיין חבר... שעפעלע, ער איז ליידיג, יוש!

איך דריי מיך אויס צו דעם אינגערמאן וואס שטייט נעבן מיר, און מיר ווארפן זיך בליקן איינער צום צווייטן וואס פארעמט אויס א גאנצן שמועס.

טי-די-דיי-דיי-דיי... די קינדער טאנצן שיין, די זיידעס שעפן נחת, דער עלטערער דור טאנצט מיט א ספר תורה ארום דעם בלעמער און דער גבאי האלט קאפ מיט זיינע מיטהעלפער.

איך מיט מיינע חברים, אונז זעמיר די פלעיגע נארמאלע מענטשן; מיר זענען פולי "ארויסגעטשעקט". מ'שמועסט ווי געהעריגע ערוואקסענע: וואס טוט יענער, און ער האט נעבעך אלעס דערלייגט, א בראך אויף אים נעבעך, איך האב געוויסט אז מ'טאר אים נישט טראסטן...

"ביי וועלכע הקפה האלט מען?"

"איך האניש קיין אנונג... קומסט אריבער מאכן קידוש ביי מיר שפעטער?"

"יא זיכער, דער עולם קומט..."

און דארט אינמיטן ווארפט ער זיך נעבעך, ער מאכט קולי קולות, ער טוט תשובה, ער לאכט און ער וויינט, ער זינגט "תורתו מגן לנו"...

ער איז אנגעשאשקעט ביזן מח, און ער איז נישט איינער אליין; ואתו עמו איז דא נאך א חבר וואס האט נישט געוואלט בלייבן איינגעצוימט - דער וואס האט מיטגעזאגט נאכן כפרות שלאָגן אז ער האט שוין נישט קיין כח פארן גאנצן תשרי.

דארט ליגט ער נעבעך און שרייט מיט קולי קולות אז ער איז יעדן מוחל. דערנאך שלעפט ער אריין אינעם רינג דעם ערשטן מענטש וועמען ער טרעפט אן און מוסרט אים אריין: "הלא שמחת תורה היום! וואס שטייט איר אזוי פון די זייט? כאפט אייך מיט מיטן טאנץ!"

דער טאטע מאכט צו די אויגן; ער קוקט נישט און וויל נישט זען דעם שווערן פאקט פון די בזיונות, טראכטנדיג צו זיך: וואס פאר א איידעם האב איך דא איינגעקויפט?

די חברים הרגענען זיך פאר געלעכטער צו זען ווי זייער חבר איז פלוצעם, נאכן טרינקען א האלב פלעשל טאקילא, געווארן אזוי "קאנעקטעד"...

די נארמאלע מענטשן טראכטן צו זיך: א נס אז איך בין נארמאל, לאמיך אפ מיט די זאכן. איך זעץ מיר אוועק צום קידוש און זאל מיין אינגעלע גיין טאנצן מיט זיין אלף-בית תורה'לע.

אוי, דאס שלעכטע געפיל פונעם האלב-שיכורן, שוין האלב-ניכטערן אינגערמאן, וואס באקומט א באגלייטונג פון צוויי "חברים" מעמבערס וואס שלעפן אים איבער די גאסן ביז צום בעט. אוי, דאס רויטע פנים ווען מ'וועקט זיך אויף נאכמיטאג און מ'קען נישט דעם אייגענעם נאמען. נאך א יאר אנגעבטל'ט, נאך א יאר נישט געעפנט קיין ספר, נאך א יאר געשטאנען ביי די הקפות ווי א יון אין די סוכה. אויש, ווען איינער קען מיר ווען געבן א ווערט צו קענען זיין פלעין א איד!

ווען איינער וואלט ווען געקענט אריינקוקן טיף טיף און זען מיין ליידיגע נפש ווי עס בענקט; עס וויל האבן א שייכות, אבער וויאזוי? און וואס ווערט זיין איבערס-יאָר? עודך? נאכאמאל מסדר זיין א האלבן פלאש און פארשעמען יעדן וואס האט נאר מיין נומער אין זיינע קאנטאקטס?

***

## דאס און יענץ
## מיט א טיפערע
## ארייןבליק

**ישראל דוד העסקעל**

די שורה פאר די עליות שלענגלט זיך ביז אינדרויסן. ביי די זייט הערט מען "אלה מועדי השם", איינער מאכט שוין קידוש, אבער פון היכל בית המדרש באכעט ארויס קולות ווי פון א חתונה זאל!

אינדערמיט שטייען די כולל אינגעלייט, די תלמידי חכמים, און טאנצן און פרייען זיך. איינער מאכט א "טאמבל-סאוס", דער צווייטער עפנט א נייע רינג וואס טאנצט פארקערט; די שמחה קען מען טאפן אין די לופט - ס'איז שמחת תורה!

ארום דעם בימה טאנצן אלע גאר פריילין. איך האב דאס יאר געענדיגט חמשה חומשי תורה! איך בין דא א מחותן! איך לערן יעדן טאג א דף גמרא, דאס איז מיין סעליברעישן, דאס איז מיין שמחה, איך געהער אהער און איך פריי זיך מיט!

יעצט פייערט מען מיינע פרקים משניות וואס איך האב דאס יאר ארייןגעכאפט. איך באלאנג נישט אין דעם דרויסנדיגן "זיידע-רינג" וואו מען שפאצירט ווי שבת נאכמיטאג נאכן טשאלנט; איך באלאנג אינעווייניג, וואו מען ווייסט נישט וואס צו טון מיט זיך פאר פרייד, וואו מען האפקעט און מען שפרינגט און מען טאנצט, וואו די שמחה האט נישט קיין עק.

ער האט דאס יאר נאך מער געלערנט, ער איז נאך מער פריילין, ער איז ממש א מחותן דא! ער איז דער וואס האט אויסגענוצט די צייט דאס יאר, און ער איז שיכור ביזן סוף, כאטש קיין טראפ אלכאהאל געפינט זיך נישט אינעם גאנצן בנין. ער שרייט און פארפירט, ער פרייט זיך און שלעפט יעדן מיט; ס'איז זיין שמחה - ער לערנט!

דער טאטע און שווער, דער חבר און ידיד, שעפן נחת און פרייען זיך מיט. דער כבוד איז גרויס; ווער ס'האט מער געלערנט, דער שפירט מער די שמחה. ער ווייסט נישט פון קיין חשבונות, ער קוקט נישט אויף קיינעם, און יעדער זעט: "איך בין יעצט שיכור צום טויט, ס'איז מיין יום טוב!"

עולם הפוך ראיתי!

דאס בילד פון אינדרויסן איז גאנץ ענדליך... אבער ווער ס'לאזט זיך נישט נארן און פאלגט די צדיקים, טרעפט זיך נישט מיט ליידיגע הענט און דארף זיך נישט פארטייבן דעם מח כדי צו קענען זיין אביסל פריילין.

ס'איז נישט "על מנת שתעלה לרקיע" אז קומענדיגע שמחת תורה זאלסטו זיין דער מחותן וואס קומט זיך פרייען מיט די תורה!

ס'קען גאר זיין, אז אפילו דו ביסט א געהעריגער נארמאלער מענטש, א מענטש צווישן מענטשן, זאלסטו שפירן קומענדיגע שמחת תורה ווי דאס איז דיין יום טוב. ס'קען גאר זיין אז דו וועסט זיין דער אינגערמאן וואס וועט שפירן אזוי פריילין, אז דו וועסט אויף קיינעם נישט קוקן און ס'וועט דיר ווייניג אינטערעסירן וואס יענער טראכט אויף דיר... דו וועסט שפירן אזוי פריילין אז דו וועסט טאנצן אומאויפהערליך!

ווי אזוי?

דורך פאלגן די צדיקים בתמימות ובפשיטות, גיי איך אנהייבן מעביר סדרה זיין: זונטאג ביז שני מאנטאג ביז שלישי און ביז סוף יאר וועל איך האבן חמשה חומשי תורה אין מיינע הענט!

איך גיי אוועקלייגן אלע מיינע קלוגע חכמות און ארייןלייגן אין טאש א קליינע משניות; ווען איך וועל האבן א פרייע מינוט, וועל איך זאגן א משנה און נאך א משנה, א פרק און נאך א פרק!

קומענדיגע יאר שמחת תורה, פרוביר אפילו נישט צו שמועסן מיט מיר - ס'איז מיין יום טוב! איך בין דער הויפט מחותן, איך באלאנג טיף אינמיטן דעם רינג, ווייל איך האב ששה סדרי משנה אין מיינע הענט!

איך נעם דעם דף גמרא און איך זאג ארויס די ווערטער אן קיין חשבונות. יא פארשטאנען, נישט פארשטאנען - ס'הייסט געזאגט, ס'הייסט געלערנט! איך ווייס נישט קיין מעשיות, איך פאלג בתמימות און ווארף אוועק אלע מיינע חכמות.

קומענדיגע יאר פראוווע איך הקפות; איך שטיי נישט ביי די זייט און קוק ווי יענער טאנצט. אויב דער רבי, דער רב אדער דער דיין ווילן טאנצן, קענען זיי אויך טאנצן, אבער דא בין איך דער הויפט מחותן! איך האב דאס יאר יעדן טאג געעפנט א גמרא.

דו קענסט שטיין פון די זייט ווי א נאר און קוקן ווי איך פריי זיך מיט די תורה, אדער קענסטו שוין יעצט ארויפשפרינגען אויפן באן און אויך נעמען די זיסע עצות: צו ווערן א תורה-איד, צו לעבן מיט די תורה, קונה צו זיין די תורה, און מער נישט אריבערגיין קיין איין טאג אין לעבן אן לערנען די הייליגע תורה!

אשרינו אז מיר האבן א רבי וואס האט רחמנות געהאט אויף אונז און אונז ארויסגעשלעפט פון די בעלי מרה-שחורה וואס זיצן אין א זייט און ווארטן שוין אז תשרי זאל זיך ענדיגן; ער האט אונז ארייגעשטופט אינמיטן פונעם רינג און אונז געגעבן א וועג צו קענען לערנען!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# א מעשה פון א צדיק

## משמש זיין אן ערליכן איד

אהרן קליטניק

דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געהאט א משרת וואס פלעגט אסאך ארויסהעלפן אין שטוב.

איינמאל, בשעת דער הייליגער בעל שם טוב איז געשלאפן, האט דער משרת אויפגערוימט דאס צימער און באמערקט די שיך פונעם הייליגן בעל שם טוב ליגן אין א געוויסן פלאץ. ער האט עס געוואלט אוועקרוקן, אבער גלייך האט ער געטראכט: "אויב מיין הייליגער רבי האט עס פונקט דא געלייגט, איז זיכער דא א סיבה דערצו; מיין רבי טוט נישט קיין זאכן סתם אזוי, עס איז זיכער דא א כוונה אין דעם." ער האט טאקע גערייניגט ארום די שיך, אבער ער האט זיי נישט אנגערירט.

ווען דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט זיך אויפגעוועקט, האט ער געפרעגט דעם משרת: "האסטו אנגערירט מיינע שיך?" האט דער משרת געענטפערט: "ניין, איך האב עס נישט אנגערירט." האט זיך דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע אנגערופן דריי מאל: **"דו זאלסט לאנג לעבן, לאנג לעבן, לאנג לעבן!"**

נאך די הסתלקות פונעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע, איז אין די שטאט וואו דער משרת האט געוואוינט אנגעקומען א איד וואס האט נישט געהאט וואו איינצושטיין. ער האט אנגעטראפן דעם משרת און אים געזאגט: "איך וואוין נישט דא, אפשר קען איך איינשטיין ביי דיר?" האט דער משרת געענטפערט מיט א שמחה: "אוודאי יא! מיט גרויס פארגעניגן!"

דער גאסט קומט אן צו אים אינדערהיים און ער באמערקט ווי אן אלטער איד שלאפט דארט. ער ווערט נאך מער איבערראשט זעענדיג ווי דער משרת נעמט זיך שרייען אויף דעם אלטן איד: "שטיי שוין אויף דו! דו ביסט שוין געשלאפן גענוג און נאך! נו! נו! קום!" דער גאסט האט עס נישט אויסגעהאלטן און זיך נישט געקענט איינהאלטן; ער איז צוגעגאנגען צום משרת און אים פארגעהאלטן: "וואס איז מיט דיר? אזוי רעדט מען צו א טאטע? דו שעמסט זיך נישט?"

האט דער משרת אנגעהויבן לאכן און געענטפערט: "וואס?! דו מיינסט איך שריי אויף מיין טאטע? דאס איז מיין זון!" דער גאסט שטייט דארט פארוואונדערט ביז גאר: "וואס? דאס איז דיין זון? וויאזוי קען דאס זיין? ער זעט אויס אזוי אלט און דו זעסט אויס זייער יונג!" האט דער משרת אים געזאגט: "איך בין הונדערט יאר אלט און מיין זון איז צוויי און אכציג."

דער גאסט שטייט דארט פארוואונדערט און פרעגט: "וויאזוי האסטו זוכה געווען צו דעם? דו זעסט דאך אויס אינגאנצן ווי פופציג יאר אלט!" האט דער משרת דערציילט: "איך האב זייער געטריי באדינט מיין רבי'ן דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו, און איך האב זייער אכטונג געגעבן צו טון נאר זיין רצון און"

אפילו זיינע שיך האב איך נישט אוועקגערוקט פון פלאץ, און מיין רבי האט מיר אנגעוואונטשן אריכת ימים.

**האט מוהרא"ש אויסגעפירט:** מען זעט פון דא ווי שיין מען קען אנקומען אויב מען פאלגט א צדיק און מען באדינט אים, אז מ'איז זוכה צו אריכות ימים.

אזוי אויך איז געווען א מעשה ביים הייליגן צדיק רבי מאיר'ל פרימישלאנער זכותו יגן עלינו; ער האט געהאט א גבאי וואס איז אים געווען זייער געטריי, ממש בלב ובנפש. ער האט אכטונג געגעבן אויף זיין רבי'ן ממש ווי אויף דעם שווארץ-אפעל פון אויג, און ער האט שטענדיג געזוכט צו מאכן א נחת רוח פאר זיין רבי'ן רבי מאיר'ל.

איינמאל, בשעת א שמחה אינעם הויף ביי רבי מאיר'ל פרימישלאנער זי"ע, האט זיך דער רבי אנגערופן צום גבאי: "מאיר גיט דיר א הונדערטער". ער האט עס איבערגעזאגט דריי מאל.

דער גבאי האט נישט פארשטאנען וואס רבי מאיר'ל מיינט דערמיט צו זאגן. עס זענען אדורך עטליכע יאר, רבי מאיר'ל איז שוין נפטר געווארן, און דער גבאי האט געהאט אריכות ימים ממש ביז די הונדערט יאר; ערשט דעמאלט האט מען פארשטאנען וואס דער "הונדערטער" האט באדייט.

*אוצר הנחל חלק פב׳ מכתב י״ד תתקכג בריוו 17923*



# געדאנקען

# א פארפאטשקעטע יאר

משה'לע מיט זושא'לע האבן געלערנט בענעזאם אין כתה ט', אינאיינעם גע'חזר'ט מסכת קידושין פרק האשה נקנית, דער כתה ט' מלמד, אדער מגיד שיעור אויב איר ווילט, הרב הגאון ר' מיכל האט פיין פארגעלערנט, זאכן זענען געפארן על מי מנוחות.

משה'לע מיט זושא'לע זענען געווען זייער נאנטע חברים, ביידע האבן געהאלטן אז דער צווייטער איז "פונקט צום זאך", זיי האבן זייער הנאה געהאט צו שפאצירן צוזאמען און איבערגיין גאנצעטע אלבום'ס פון ר' משה גאלדמאן ע"ה און פון נאך קאמפאזיטארן.

ביידע האבן געהאלטן אז דער צווייטער איז פונקט געשמאק צום טעם, נישט צו האניגדיג, און נישט צו זויער.

אזוי איז אדורך די גאנצע יאר, לייף איז גוד, מען פארהערט זיך זומער אין קעמפ אויף פרק האשה נקנית, די פארהער איז אדורך, גוט געקענט, גוט גע'חזר'ט, אויך אריינגעשמוגלט אינמיטן חזר'ן אסאך ניגונים פון ר' משה גאלדמאן, משה'לע מיט זושא'לע זינגען זיך אונטער צוזאמען ניגון נאך ניגון, בשעת דער רבי איז מסביר די תוספות פאר די וואוילע קינדער וואס האבן בעסער ליב צו "פרעגן דער רבי" ווי איידער צו זינגען ניגונים מיט די חברותא.

סוף יאר ווען מען איז ארויס פון כתה ט' און זיך געגרייט צו אריינגיין אין די געהעריגע עכטע מעכטיגע בחורים כתה וואו מען גייט שוין געהעריג מיט א לעד פענסל אין די רעכטע וועסטל טאש און ביזנעס קארדס פון גאלדן פלאו און האום דיפאו אין די לינקע וועסטל טאש, איז עס געווען א דבר פשוט אז משה'לע מיט זושא'לע גייען אי"ה קומענדיגע יאר אויך צוזאמען חזר'ן די גמרא און אונטער זינגען אני מאמין אוי בביאת המשיח און ועל ידי עבדיך הנביאים פון ר' משה גאלדמאן.

נאר איין קליינע פאסירונג האט דער אייבערשטער געמאכט וואס האט געטוישט די געשיכטע אביסל.

זושא'לע האט זיך איינגעשריבן אין א אנדערע ישיבה בשעת משה'לע רישט זיך אז זושא'לע בלייבט דא און מען גייט חזר'ן און זינגען בענעזאם.

מן הסתם איז עס געווען שלא בדווקא אז משה'לע ווייסט פון גארנישט, זושא'לע האט אים נישט געזאגט גארנישט דערפון.

מן הסתם איז עס געווען על פי טעות, דאס נישט אויסזאגן פאר משה'לען, אבער ס'איז געווען א שווערע מייסע, א שווערע פילעכל אראפצושלינגען, מילד גערעדט.

ס'איז געווען א פארפאטשקעטע יאר.

ראש חודש חשוון, א פול געפאקטע היכל מיט בחורים וואס ליגן אין די סוגיא ראשו ורובו, אלע זיצן איינער קעגן צווייטן, און עס שפריצט פון די אויגן פונקען פייער ביים איבערגיין די קושיא פון תוספות, די דיוק פון מהרש"א, די תירוץ פון פני יהושע, דעם תענוג פארגינט מען נישט פאר א נישט-איד.

**משה אריה שניצלער**

הונדערט און פופציג בחורים אין איין בית המדרש פארסמאקעווען זיך מיט אביי ורבא.

איין איינציגער משה'לע זיצט און וויינט פייער שפריצט פון זיינע אויגן, אנשטאט פייער אין די אויגן, ברענט די ערד אונטער אים, ער האט נישט קיין מקום, נישטא קיין זושא, נישטא קיין חברותא, נישטא קיין שום לעזונג, די גאנצע זאל זיצט מיט חברותות און זענען זיך מתענג אין די זיסע גמרא ווערטער און איין איינער האט נישט מיט וועמען צו זיצן.

דער מגיד שיעור פרובירט צו זיין בייהילפיג און לייגט צאם משה'לע מיט נאך צוויי, עס זאל זיין א דרייער חברותא, אבער ס'איז ווי א לאלי מיט צוויי שטעקעלעך, ווי א טעלער טשולנט מיט צוויי לעפלעך, ווי א שניצל מיט צוויי גאפלעך, ווי א שיך מיט צוויי בענדלעך, עס האט א טעם ווי בוידעם אליין.

א פרישער בר מצוה בחור, א פרישע יאר, און שוין זעט מען זיך מיט א פארוועטשטע צוקנייטשטע אויסגעשפילטע עתיד אין לעבן.

אבער דער אייבערשטער איז דאך א בעל הרחמים.

צען יאר שפעטער האט משה'לע באקומען די ברסלב'ע זיסע עצות, רעד צום באשעפער און זאג גמרא, עס האט גענומען צען יאר פון דעמאלטס אז משה'לע זאל וויסן אז ווען מען האט א פראבלעם, מאך א גראדע רוקן, קוק נישט אויף קיינעם, קוק נאר צום באשעפער און זאג אים ווי אזוי דו פילסט.

דאס אנהויבן די לעבן ביי די בר מצוה מיט נישט זיין מסודר מיט א חברותא האט גענומען א האלב יאר, אדער אפשר מער, ס'איז געווען ביטער ווי גאל.

פארשטייט זיך אליין אז אין די אמת'דיגע וועלט פון די אמת'דיגע ברסלב'ע עצות איז די יא חברותא אדער נישט חברותא א קליינער עסק, מען מאכט אויף די הייליגע גמרא און מען זאגט די הייליגע ווערטער פאר פינף מינוט, דערנאך זעט מען אז מען האט איינגעשלינגען צען צוואנציג בלאט גמרא אין איין צי פון גרויס געשמאקקייט.

די עיקר איז עס געווען ביטער ווייל אויב מען מוז זיין ווי יעדער מוז מען זיין ווי יעדער.

אויב מען מוז זיין ווי יעדער טוט וויי נישט צו זיין ווי יעדער.

אויב די עיקר אין לעבן איז "וואס טוט יעדער" "וואס טוט מממממעןןןןן", דעמאלטס טוט וויי אז מען טוט נישט וואס יעדער טוט.

יעעעעדדדדערררררר האט א חברותא און איך נישט.

יעעעעדדדדערררררר טוט אזוי און איך נישט.

יעעעעדדדדערררררר האט א באגעבו מיט א דונא און איך האב א פפפפפפללללעיננגע קערידזש.

יעעעעדדדדערררררר האט חתונה מיט א קלארינעט און א טרומפייטער און

דער מגיד שיעור פרובירט צו זיין בייהילפיג און לייגט צאם משה'לע מיט נאך צוויי, עס זאל זיין א דרייער חברותא, אבער ס'איז ווי א לאלי מיט צוויי שטעקעלעך, ווי א טעלער טשולנט מיט צוויי לעפלעך, ווי א שניצל מיט צוויי גאפלעך, ווי א שיך מיט צוויי בענדלעך.

בית המדרש
היכל הקודש
קרית ברסלב

בהתייסדות כ"ק מוהרא"ש ז"ל • בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747

**יעצט ווען מיר שטייען נאך אזא הערליכן יום טוב בצל הראש ישיבה שליט"א, ווילן מיר זיך באדאנקן פאר אלע חשובע אנשי שלומינו וואס האבן ארויסגעהאלפן דעם בית המדרש במשך דעם יום טוב.**

| | | | |
|---|---|---|---|
| **אנשי שלומינו החשובים שטרחו בגופם לסדר הבית מדרש, הסוכות והסעודות** | מו"ה מרדכי איידליס הי"ו | הבחור אברהם יצחק פוקס נ"י | הבחור נחמן נתן שניצלער נ"י |
| | מו"ה משה שמואל שטעסל שליט"א | הבחור נחמן פוקס נ"י | הבחור אליעזר שלמה אינדארסקי נ"י |
| | מו"ה ישראל יוסף שניצלער שליט"א | הילד מאיר פוקס נ"י | הבחור אריאל דודעק נ"י |
| | מו"ה ישראל שמעון שטיינבערג שליט"א | החתן חיים שלמה קויפמאן נ"י | הבחור אליעזר שלמה יאקאבאוויטש נ"י (יבנאל) |
| | הבחור משה סאלז נ"י | הבחור נפתלי וועבערמאן נ"י | הבחור אלימלך עגמי נ"י |
| | מו"ה אברהם אלי' פרידריך הי"ו | הבחור נפתלי אינדיג נ"י | הילד נחמן נתן אינדיג הי"ו |

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| **ארויסגעהאלפן מיט די סעודות** | תלמידות בית פיגא שטעטל | מרת ח. אפפעל תחי' | מרת ח. ז. פיש תחי' | מרת מ. פעלדמאן תחי' | מרת ל. וועבערמאן תחי' |

| | | |
|---|---|---|
| **בעלי קורא לשבוע ביום שמחת תורה** | מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א | החתן נחמן נתן רוטה נ"י |

| | |
|---|---|
| **בעלי קורא לציבור ביום שמחת תורה** | מו"ה עזרא בוים הי"ו<br>הבחור וואלו מיטעלמאן נ"י |
| **בעלי קורא למשנה תורה** | מו"ה רפאל פורסט שליט"א<br>מו"ה אשר ראנד שליט"א |
| **מהנה געווען בנגינה וכלי שיר** | מו"ה אייזיק ראטה הי"ו<br>מו"ה משה האממער הי"ו<br>מו"ה סענדר ראטה הי"ו<br>מו"ה בערל שניצלער שליט"א<br>מו"ה אשר ראנד שליט"א<br>מו"ה הערשל שניצלער שליט"א<br>מו"ה ישראל יוסף שניצלער שליט"א<br>מו"ה שלמה רוטה שליט"א<br>החתן נחמן נתן רוטה נ"י<br>מו"ה אלימלך גראסמאן נ"י<br>מו"ה אשר קרויס הי"ו |
| **ארויסגעהאלפן ביים הכנסת ספר תורה** | מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו<br>מו"ה הערשל בוים שליט"א<br>מו"ה אברהם יהושע וועבערמאן הי"ו |

| | |
|---|---|
| **מנדב געווען דעם רבינ'ס יארצייט** | |
| מו"ה ברוך מרדכי פעקעטע הי"ו סכום הגון | |
| מו"ה פייוול ראזענוואסער הי"ו סאור דאו | |
| מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו ווארימע זופ | |

| | |
|---|---|
| **צוגעשטעלט קידושא רבא שמחת תורה** | מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו<br>מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו<br>מו"ה נחום ברילל הי"ו<br>הבחור דוד כהן נ"י |
| **מכבד געווען מיט די ספרי תורה ביי די הקפות** | מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו<br>מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו<br>מו"ה אברהם פיש הי"ו<br>מו"ה נחום ברילל הי"ו |
| **אנגעפירט מיט די קינדער ביים זינגען צווישן די הקפות** | מו"ה אברהם יהושע וועבערמאן הי"ו<br>מו"ה יחזקאל סאמעט שליט"א<br>מו"ה יואל פרידלענדער שליט"א<br>מו"ה אהרן לונגער שליט"א<br>מו"ה אשר ראנד שליט"א<br>מו"ה יואל טייטלבוים שליט"א<br>מו"ה מרדכי ראזענבערגער שליט"א<br>מו"ה בערל שניצלער שליט"א<br>מו"ה שלום שניצלער שליט"א<br>מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו |

**ואחרון אחרון חביב אונזער געטרייער שמש מו"ה ישראל פוקס הי"ו**

וואס האט זיכער געמאכט במשך דעם גאנצן חודש, אז אלעס זאל זיין אהערגעשטעלט אויפן בעסטן פארנעם וואס איז נאר שייך.

**דער אייבערשטער זאל זיי בענטשן מיט אלע ברכות, אין זכות פון העלפן אנדערע, זאלן זיי באגליקט ווערן מיט נחת, געזונט, פרנסה, און ווייטער קענען משמש זיין דעם הייליגן רבי'ן מיט א פרישקייט א גאנץ לעבן.**

מען האט פרובירט צו געדענקן אלע וואס האבן געהאלפן, אבער מיר האבן זיכער אויסגעלאזט געוויסע נעמען, מיר בעטן אייך איבער פון פאראויס דערויף.

הגבאים,

*אברהם הערש וועבערמאן* *חנוך יצחק אינדיג* *אברהם יהושע וועבערמאן*

פיר זינגערס און איך האב חתונה מיט א פפפפפפללללעיננננע די. דזשעי.

יעעעעדדדדערררררר האט א נייע יוקאן דינאלי און איך האב א פפפפפפללללעיננננע אלטע מיני ווען.

עס האט גענומען צען יאר אז משה'לע זאל וויסן אז תורה איז אין יעדע מצב.

אז מען קען יעצט נישט האבן קיין חברותא, וועט מען לערנען אזוי ווי מען קען יעצט לערנען.

שטעלט אייך פאר ווען משה'לע וואלט דעמאלטס געוואוסט די הייליגע זאך אז תורה איז מקדש ומטהר אפילו ווען מען זאגט די ווערטער אן פארשטיין.

שטעלט אייך פאר ווען משה'לע וואלט געקענט דעמאלטס זאגן צען דפים א שעה, צוואנציג דפים צוויי שעה, דרייסיג דפים דריי שעה, פערציג דפים פיר שעה.

דער ראש ישיבה האט דעם פארגאנגענעם יום טוב סוכות נאכאמאל דערמאנט די באקאנטע מעשה, אז די טאכטער פון הייליגן צאנזער רב זכותו יגן עלינו, די רעבעצין פון הרה"ק ר' מרדכי'לע הארנאסטייפלער איז געקומען פון אוקריינע באזוכן איר טאטן, האט דער טאטע געפרעגט וואס מאכן אונזערע אידישע ברודער אין אוקריינע, האט זי געענטפערט, ס'איז אזאנע שרעקליכע צרות פאר די אידן אין אוקריינע, ערגער ווי די אידן אין מצרים.



האט דער הייליגער צאנזער רב געזאגט, טאכטער לעבן ערגער ווי אין מצרים קען נישט זיין, ווייל אין מצרים האט מען נאכנישט געהאט די תורה, היינט האט מען די תורה און אז מען האט חלילה צרות לויפט מען צו די תורה, די תורה מאכט מען זאל פארגעסן פון צרות, די תורה מאכט זיס אינמיטן די צרות, און דער צאנזער רב האט געמאכט "אַההה.... אַההה.... אַההה...." אזוי ווי מענטשן מאכן ווען מען טרינקט א הייסע טיי.

מיר געדענקען נאך ווי מוהרא"ש פלעגט פארציילן די מעשה און פלעגט נאכמאכן די זיסע תנועה פון הייליגן צאנזער רב, מוהרא"ש פלעגט נאכמאכן די "אַההה.... אַההה.... אַההה....".

און ווי אזוי קען איך זוכה זיין צו די "אַההה.... אַההה.... אַההה...." פון הייליגן צאנזער רב?

איך וועל פרובירן די בעסטע וואס איך קען.

אז איך האב א חברותא מה טוב ומה נעים.

און אז איך האב נישט א חברותא וועל איך לערנען אן א חברותא.

אז איך פארשטיי וואס איך לערן מה טוב ומה נעים.

און אז איך פארשטיי נישט וועל איך לערנען אן פארשטיין.

איך וועל זאגן די הייליגע ווערטער אן פארשטיין.

איך וועל נישט פארפאטשקענען די יאר און נישט די וואך און נישט די טאג.

איך וועל אויפמאכן די הייליגע גמרא יעדן טאג.

# אַ בליק צוריק

טרעף צו וואס, ווען, וואו, און ווער איז דער בילד:



## בילד פון פאריגע וואך:



ביים הילולת רבינו אין די סוכה פון מוהרא"ש זי"ע אין בארא פארק, שנת תשע"ג.

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**חשובע אינגעלייט און בחורים ביים העלפן בויען דעם סוכה ביים ביהמ"ד אין שטעטל - ג' וזאת הברכה א'**





**ותשליך במצולות ים כל חטאתם - די לעכטיגע קינדער פון תלמוד תורה קרית יואל ביי תשליך - ה' האזינו-ב'**








**שישו ושמחו בשמחת התורה - סיום כתיבת ספר תורה אריינגעגעבן דורכן דיין שליט"א אין ביהמ"ד היכל הקודש בארא פארק - ג' וזאת הברכה א'**



**ווייטערדיגע פארשריט ביים נייעם בנין אין אומאן ווי מען גרייט שוין אן פרעימס פאר די קומענדיגע שטאק - ד׳ וזאת הברכה א׳**



**ביים דרוקן 10,000 כוונות הנענועים אינעם בית הדפוס בני ברק - ד׳ וזאת הברכה א׳**



**הילד מאטי לב ני"ו ביים ארויסהעלפן אינעם בית הדפוס בני ברק - ד׳ וזאת הברכה א׳**



**ביים אינסטאלירן די סטעפס און רעילינג ביים נייעם פארענדיגטן שטאק אינעם שטעטל הדר - ד׳ וזאת הברכה א׳**





**הנהלת המוסדות ארץ ישראל ביים חלוקה קרן הצלה פון געלט קארטלעך לכבוד יום טוב פאר די מחנחים פון די מוסדות על טהרת הקודש אינעם לשכת הבד"ץ עדה החרדית ירושלים - ד׳ וזאת הברכה א׳**





ביים דרוקן דעם הערליכן גרויסן יום טוב בלעטל אינעם בית הדפוס בני ברק - ד׳ וזאת הברכה א׳





סיום כתיבת ספר תורה אין שטעטל אריינגעגעבן דורכן דיין שליט״א - ד׳ וזאת הברכה א׳





דער ראש ישיבה שליט״א ביים באטראכטן גרויסע תימן׳ע אתרוגים - ד׳ וזאת הברכה א׳



ביים בויען די סוכה פאר ביהמ"ד היכל הקודש לאנדאן - ה' וזאת הברכה א'



שחרית אין ביהמ"ד היכל הקודש אלעד - א' דחול המועד סוכות





ברית פון הילד שלום אליהו נ"י בן מו"ה שמואל אייכענשטיין הי"ו - ה' וזאת הברכה א'



שחרית אין ביהמ"ד היכל הקודש רמה ד' בית שמש - א' דחול המועד סוכות



אין א שמועס מיט די מנהלי המסדות אין שטעטל - ג' דחול המועד סוכות










**ברית פון הילד נחמן נתן ני״ו בן מו״ה יצחק פעלדמאן הי״ו אין שטעטל - ערב סוכות**





**א געשמאקע ברודערלעך פארברענג אין ביהמ״ד היכל הקודש קרית יואל - א׳ דחול המועד סוכות**





**הילולת רבינו - בני ברק - ב' דחול המועד סוכות**





**הילולת רבינו - יבנאל - ב' דחול המועד סוכות**





**הילולת רבינו - רמה ד' בית שמש - ב' דחול המועד סוכות**





הילולת רבינו - וויליאמסבורג - א׳ דחול המועד סוכות

הילולת רבינו - ירושלים - ב׳ דחול המועד סוכות





הילולת רבינו - לאנדאן - א׳ דחול המועד סוכות





הילולת רבינו - טבריה - ב׳ דחול המועד סוכות























**הילולת רבינו - קרית ברסלב ליבערטי - א' דחול המועד סוכות**













**שישו ושמחו בשמחת התורה - פרייליכע הכנסת ספר תורה אין שטעטל אריינגעגעבן דורכן חשובן דיין שליט"א - ב' דחול המועד סוכות**





















































**שחרית און אן עצתו אמונה פארברענג אין ביהמ"ד היכל הקודש אלעד - ג' דחול המועד סוכות**





**שחרית אין היכל הקודש טבריה - ד' דחול המועד סוכות**



**ביים לערנען אינעם סוכה פארן דאווענען - ד' דחול המועד סוכות**



**וואכנאכט פון הילד ברוך יהודה ני"ו בן מו"ה שלום שניטצלער הי"ו אין שטעטל - ג' דחול המועד סוכות**









**ברית פון הילד ברוך יהודה ני"ו בן מו"ה שלום שניטצלער הי"ו אין שטעטל - ד' דחול המועד סוכות**



**משנה תורה אין היכל הקודש רמה ד' בית שמש - ליל הושענה רבה**



**משנה תורה מיטן דיין שליט"א אין היכל הקודש בארא פארק - ליל הושענה רבה**









**תפילת שחרית אין שטעטל - ד׳ דחול המועד סוכות**



**משנה תורה אין היכל הקודש קרית יואל - ליל הושענה רבה**



**משנה תורה אין ביהמ"ד עצתו אמונה יבנאל - ליל הושענה רבה**









**סיום מסכת חולין מיט אלע חברותות פון מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו אינאיינעם מיט א סעודת הודאה אינעם סוכה פון מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו אין שטעטל -ד' דחול המועד סוכות**





**משנה תורה אין שטעטל - ליל הושענה רבה**





הושענה רבה סעודה אין שטעטל - ליל הושענה רבה



הקפות שניות אין ביהמ"ד עצתו אמונה יבנאל - מוצאי שמחת תורה



ביים אויסזאגן תהילים אין שטעטל - ליל הושענה רבה



הושענה רבה אין היכל הקודש קרית יואל



אייגנארטיגע געדאנק אויפצוהענגן די לולבים האלטערס אין שטעטל - הושענה רבה





הקפות שניות אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק - מוצאי שמחת תורה



סיום מסכת חולין פון מו"ה משה קליין הי"ו ביי הקפות שניות אין היכל הקודש בני ברק - מוצאי שמחת תורה



סיום משניות פעם 38 פון מו"ה נח לוין הי"ו ביי הקפות שניות אין היכל הקודש בני ברק - מוצאי שמחת תורה



א ברסלב'ע אינגל כאפט אריין פרקים משניות ווארטענדיג די מוזיק זאל אנהייבן שפילן ביי הקפות שניות אין היכל הקודש בני ברק



אפשערן פון הילד בן מו"ה יצחק אהרן וויינבערג הי"ו אין שטעטל - מוצאי שמחת תורה






**ווארימע תפילת שחרית הושענה רבה אין שטעטל**




**הקפות שניות אין רמה ד' בית שמש - מוצאי שמחת תורה**

בס"ד

פרשת נח
אויסגאבע # 35

# אינדערהיים

**א ריכטיגע בלאזער**
ג. פעקעטע

**געטראפן נאך א יאר צייט**
מ. סופר

**רעסעפי**
טשיקן זופ

## זיך ראטעווען פונעם מבול

ש. טראכטער








**בס"ד**
פרשת נח
תשפ"ז
**נומער 36**


**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער


**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

מ. פעדער



# מאמי
# וואו ביזטו?

**3:00 נאכמיטאג**

הערשי זיצט אויפן באס אויפן וועג אהיים פון חדר. מיט פארקלאצטע אויגן קוקט ער ארויס פונעם פענסטער, אבער זיינע אויגן האלטן גארנישט מיט; ער באמערקט נישט די ביימער וואס זיי פארן אדורך און אויך נישט די ראודס. ער זעט יעצט גארנישט; אין זיין דמיון זעט ער א טעלער מיטווארעמע, קרעפטיגע עסן - אזא גוטע מאכל וואס נאר מאמעס קענען אנגרייטן. ער איז שוין אזוי הונגעריג.

באלד קומט ער שוין אן אהיים, אבער ער ווייסט אז אנדערש ווי זיינע חברים, וועמענס מאמעס ווארטן זיי זיכער אפ מיט א טעלער עסן, ווארט אים אינדערהיים נישט קיין ווארעמע עסן. בעסער געזאגט - ביי אים אינדערהיים ווארט אים קיינער בכלל נישט אפ.

פונעם פענסטער זעט מען שוין זיין הויז. די באס שטעלט זיך אפ, און מיט לאנגזאמע טריט שפאנט ער אראפ די טרעפ. זיינע אויגן וואנדערן ארום מיט האפענונג אז אפשר היינט יא, אבער ניין, אויך היינט ווארט אים קיינער נישט אפ. אנטוישטערהייט נעמט ער זיך גיין אין די ריכטונג פון זיין הויז.

מיט אומעטיגע מחשבות מאכט ער אויף די טיר, שוין וויסנדיג וואס עס ווארט אים אפ. "א גוטן טאג," גריסט ער מיט א שוואכן קול, אבער קיינער ענטפערט אים נישט צוריק.

דאס הויז איז איבערגעדרייט; שפילצייג, קליידער און שיך ליגן אויסגעשפרייט איבעראל, זיין מאמע זיצט אויפן קאוטש, פארטיפט אין איר פאון; זי האט ניטאמאל באמערקט אז ער איז אהיימגעקומען.

ער גייט אריין אין קאך. די סינקס זענען איבערגעפולט מיט כלים נאך פון

<

די לעצטע מאל וואס זיין מאמע האט שוין יא עפעס געקאכט. הערשי געדענקט נישט ווען דאס איז געווען - אפשר א חודש צוריק, אפשר אפילו מער. ער מאכט אויף דעם פרידזש, זוכנדיג עפעס צו עסן, און פארמאכט עס צוריק מיט א קרעכץ. ענדליך נעמט ער צוויי רעפטלעך ברויט און זוכט עפעס אנצושמירן.

"וואו איז די קעטשאפ?" וואונדערט ער זיך. א גערודער הערט זיך פונעם דיינינג רום; הערשי גייט אהין און טרעפט די קליינע חני און יוסי אנגעשמירט מיט קעטשאפ פון קאפ ביז די פיס.

פארלוירענערהייט קוקט ער צו זיין מאמע, וועלכע לאכט צו איר פאון און באמערקט אפילו נישט די איבערקערעניש וואס טוט זיך ארום איר. אזוי שטייט ער דארט פארלוירן, און אט זעט ער ווי זיין מאמע שטעלט זיך אויף פונעם קאוטש. "מסתמא האט זיך די בעטערי געענדיגט" פארשטייט ער שוין.

זי נעמט זיך זוכן דעם טשארדזשער, ווען פלוצלונג באמערקט זי אירע צוויי קליינע ווי זיי טאנצן אין א טייך פון קעטשאפ. "וואס גייט דא פאר?" נעמט זי זיך שרייען מיט קולי קולות. "זענט עטץ נארמאל? ווער טוט אזעלכע זאכן?"

די קולות ווערן העכער און העכער, ביז הערשי וויל נאר הייבן פיס און אנטלויפן, ווען פלוצלונג באמערקט זי אים. "הערשי? שעם דיך! אזוי פירסטו דיך אויף? ווער גיט קעטשאפ פאר א דריי יעריג קינד?!"

הערשי לאזט אראפ זיינע פארוויטאגטע אויגן. ער וויל איר ערקלערן אז נישט ער האט עס זיי געגעבן, ער וויל איר זאגן אז ער איז ערשט יעצט אהיימגעקומען פון חדר, אבער עס קומען אים נישט ארויס קיין ווערטער פונעם מויל.

די מאמע שרייט און שרייט. זי נעמט די קינדער און פרובירט זיי אפצורייניגן; זי זוכט קליידער זיי צו טוישן, ווען זי טרעפט זיך שטיין פאר א ליידיגע שאפע. "אך! פארוואס קען קיינער נישט וואשן קיין וועש? פארוואס דארף איך אלעס טון אין דעם הויז?"

הערשי נעמט א שמאטע און רייניגט אפ די ערד; ער האפט אז דאס וועט אביסל בארואיגן זיין מאמע'ס צארן.

א שטיק צייט שפעטער קלאפט זיין חבר מענדי אויף די טיר און רופט אים שפילן אין זיין הויז. הערשי גייט מיט פרייד. אין מענדי'ס הויז איז אזוי געשמאק; דאס הויז שמעקט שטענדיג פון פרישע געבעקסן, די קינדער דערציילן די

**הערשי לאזט אראפ זיינע פארוויטאגטע אויגן. ער וויל איר ערקלערן אז נישט ער האט עס זיי געגעבן, ער וויל איר זאגן אז ער איז ערשט יעצט אהיימגעקומען פון חדר, אבער עס קומען אים נישט ארויס קיין ווערטער פונעם מויל.**

מאמע מעשיות פון קינדערגארטן, און זי שמייכלט צו זיי און הערט זיי אויס.

עס דערמאנט אים אזוי שטארק פון זייער אלטע שטוב - די גוטע, געטרייע מאמע וואס ער האט אמאל געהאט. אמאל, אין די צייטן נאך פאר זי האט געהאט א טעלעפאן. אוי, ווי ער בענקט זיך צו יענע גליקליכע צייטן!

יענקי ברענגט ארויס עטליכע שפילצייג און זיי זעצן זיך אוועק שפילן געשמאק. נאכן שפילן עטליכע געימס הייבט שוין אן צו ווערן טונקל; עס איז שוין צייט אהיימצוגיין. הערשי געזעגנט זיך פון זיין חבר און שפאנט פארטראכטערהייט אהיים.

אליינס גרייט ער זיך צו גיין שלאפן, גרייט אן נעגל-וואסער און גייט אריין אין בעט.

הערשי ליגט אין בעט, פארטון אין זיינע געדאנקען. עס קומען אים ארויף אין געדאנק די גוטע, געשמאקע צייטן - אזעלכע שיינע צייטן וואס זענען אמאל געווען, און ווי עס קוקט אויס, וועלן זיי קיינמאל מער נישט צוריקקומען.

די צייטן ווען זייער שטוב איז געווען אזא געשמאק פלאץ. ער געדענקט נאך ווי שטארק ער פלעגט יעדן טאג ווארטן אהיימצוקומען, זיך אנטרעפן מיט זיין מאמע'ס גוט ווארט און ווארעמען שמייכל, מיט די גוטע סאפערס וואס נאר זיין מאמע האט געוויסט וויאזוי אנצוגרייטן.

ער געדענקט נאך ווי פארוויטאגט ער איז געווען ווען א חבר האט אים געשטופט און א צווייטער האט געלאכט ווען ער האט זיך אויסגעגליטשט; זיין קלוגע מאמע האט שוין גלייך ביים אראפגיין פונעם באס אויפגעכאפט אז עפעס דרוקט אים, און מיט ליבשאפט האט זי אים אויסגעהערט און בארואיגט. ער געדענקט נאך די געשמאקע טעג ווען אינדרויסן איז געווען קאלט און די מאמע

האט געבאקן קוקיס צוזאמען מיט די קינדער.

ביז... יא, ביז יענעם טאג וואס דער סמארטפאון האט זיך אריינגעמישט אין זייער לעבן, און דא האט זיך אלעס אפגעשטעלט. דער פאון האט אים אוועקגענומען זיין געטרייע מאמע. קען זיין אז בגוף איז זי נאך דא, אבער איר קאפ און הארץ זענען שוין מער נישט דא.

אנהייב פלעגט ער נאך פרובירן רעדן צו איר און דערציילן זאכן פון חדר, אבער זעענדיג ווי זי הערט אים אפילו נישט אויס – ווייל דער פאון איז מער אינטרעסאנט – האט ער אויפגעהערט צו דערציילן. וואס א טאג עס גייט אדורך פילט ער מער ווי ער האט קיינעם נישט אויף דער וועלט וואס קוקט זיך אום אויף אים.

"קיינער האט זיך היינט אפילו נישט אינטערעסירט וויאזוי עס איז געווען אין חדר," טראכט ער צו זיך מיט ווייטאג, ליגנדיג אין זיין בעט. "ווען איך בין אהיימגעקומען פון מענדי'ס הויז, איז אפילו טאטי שוין ארויס דאווענען."

צוויי גרויסע טרערן קייקלען זיך אראפ אויף זיינע באקן. "הייליגער באשעפער, איך דארף א מאמע!"

די טרערן פליסן פריי פון זיינע ריינע אויגן. ער פילט ווי זיין קליין הערצעלע טוט אזוי וויי, אז ער וועט עס נישט קענען פארטראגן. "באשעפער, איך בין נאך א קינד!" וויינט ער אריין אין זיין קושן. "איך דארף א מאמע וואס זאל זיך אינטערעסירן אין מיר, איך דארף א מאמע וואס זאל זיך אומקוקן אויף מיר, איך דארף נאך די ווארעמקייט פון א מאמע."

"איך בעט דיך אייבערשטער," בעט ער זיך פון די טיפענישן פון זיין צובראכן הארץ, "גיב מיר צוריק מיין מאמע! גיב מיר צוריק מיין אלטע מאמע, נאך וועמען איך בענק זיך אזוי שטארק!"

**12:30 ביינאכט**

פריידי נעמט ארויס דעם פאון פונעם טשארדזשער; די בעטערי ווייזט שוין 100%. "שוין, מיין מאן און קינדער שלאפן שוין, ענדליך קען איך האבן אביסל צייט פאר זיך."

זי רוקט אוועק עטליכע זאכן פונעם קאוטש זיך צו מאכן פלאץ צו זיצן. "ענדליך קען איך שוין ענדזשויען אביסל!" אטעמט זי טיף אריין. זי צינדט אן איר פאון און פארט אריבער פון איין גרופ צום צווייטן, זוכנדיג עפעס אינטערעסאנט מיט וואס אריבערצופירן די צייט.

"אה, אויף די גרופ לייגט מען שטענדיג ארויף די גוטע ווידיאס!"

א לאנגע צייט זיצט זי און וואטשט: נאך א ווידיאו, נאך א נארישע דזשאוק, נאך ליצנות, און נאך איינע וואס רעדט זיך איין אז זי ווייסט וואס זי רעדט. איינע פון די ווידיאס וואס זי פרובירט אנצונדן מאכט זיך עפעס נישט אויף. "מסתמא איז עס נישט קיין גוטע פייל," טראכט זי צו



זיך, "שוין, וועל איך עס אליינס אויפזוכן."

זי חזר'ט איבער דעם נאמען פונעם ווידיאו און נעמט זיך זוכן אויף גוגל.

נאך עטליכע מינוט זוכן זעט אויס ווי זי האט עס געפינען; מיט נייגער דרוקט זי אויפן לינק: "לאמיר שוין זען פון וואס דא רעדט זיך."

דער ווידיאו צינדט זיך אן. אויפן סקרין זעט זי א קליין קינד, א זיס באחנ'ט יונגעלע מיט צוויי פאות, וואס ליגט אין בעט פארוויינטערהייט. זי כאפט גראד אז ס'איז א טעות - דאס איז זיכער נישט וואס זי האט געזוכט - אבער עפעס האט עס איר געכאפט, און זי מוז זען וואס דאס איז.

זי קוקט ווייטער און זעט ווי דאס קינד וויינט; ער וויינט נאך זיין געטרייע מאמע, אבער זיין מאמע לאכט צו איר פאון און האט שוין מער נישט קיין געדולד צו אים. פארגאפט הערט זי זיך צו צום ניגון: "...מאמי, דו ווייסט נישט ווי שטארק איך בענק נאך דיר, וואס האב איך געזינדיגט? וואס בין איך שולדיג?..." די ווערטער שאקלען איר אויף ביזן טיפעניש פון איר הארץ.

דערנאך קומט א צווייטער ניגון וואו דער ראש ישיבה רעדט צו עלטערן און ערקלערט זיי די שעדליכקייט פון א סמארטפאון. זי טוט זיך אן עירפאונס כדי צו קענען בעסער הערן די ווערטער. "דיין קינד איז אליין, זיין הארצעלע וויינט, מען זאל פון אים קלערן, מען זאל אים אויסהערן. ווארעמקייט פון טאטי, ליבשאפט פון מאמי. מאך שוין אפ, דיין פאון לאז אפ, מיטן קינד געב זיך אפ..."

פריידי פילט ווי זי קען זיך פשוט נישט בארואיגן פון די ווערטער. זי הערט עס איבער נאכאמאל און נאכאמאל. דערנאך פארט זי ווייטער צו א שיעור וואו דער ראש ישיבה וויינט און בעט זיך מען זאל נישט אריינעמען קיין סמארטפאון אינדערהיים. פריידי כאפט זיך פלוצלונג אז אירע אויגן זענען נאס.

הערנדיג דעם קול פונעם צדיק, דערוועקט זי זיך פלוצלונג פון איר טיפן שלאף און הייבט אן צו כאפן וויאזוי איר לעבן פארט איר אריבער; וויאזוי אירע קינדער קוקן נעבעך אויס - עלנד און אליין, אן א מאמע ביי זייער זייט. זי באטראכט דאס איבערגעדרייטע הויז: "וואו בין איך געווען ביז היינט?" טראכט זי צו זיך מיט ציטער.

זי איז נישט שטענדיג געווען אזוי. עס האט זיך אנגעהויבן ווען איר מאן האט געקויפט א סמארטפאון פאר די ארבעט.

אנהייב האט עס איר געשטערט, אבער מיט די צייט האט זי ביי זיך אפגעמאכט אז זי דארף אויך איינס. "אויב מיין מאן מעג, מעג איך אויך," האט זי ביי זיך באשלאסן. איר מאן האט איר פרובירט אפצורעדן דערפון, אבער זי האט זיך געהאלטן ביי אירס אז זי דארף נישט זיין אנדערש.

און אזוי האט זיך איר גאנצע שטוב געטוישט. אנהייב איז עס געגאנגען שטייטליך; זי האט עס נאר גענוצט בשעת די קינדער זענען געשלאפן. דערנאך האט זי עס שוין ארויסגענומען בשעת די קינדער האבן געשפילט, און ווי מער זי איז געזעצן מיטן פאון, אלס מער האט עס איר געצויגן. אזוי זענען איר פארלאפן די טעג מיט זיצן און וואטשן, טעקסטן און וואטסעפפן.



"וויאזוי האב איך געקענט זיין אזוי נאריש?" טראכט זי צו זיך מיט ווייטאג. זי שטעלט זיך אויף פונעם קאוטש און גייט אריבער די צימערן. זי באטראכט אירע שלאפנדיגע קינדער און דעקט זיי צו ווארעם.

איר הארץ ווערט צעבראכן באמערקנדיג סימנים פון טרערן אויף הערשי'ס פנים. יא, אירע קינדער זענען נעבעך צעטראטן געווארן, און די געשמאקע שמועסן מיט איר מאן זענען געווארן א פארגאנגענהייט.

פריידי שטעלט זיך פאר די ווייטאגליכע סצענע ווי א מאן און ווייב זיצן צוזאמען ביים טיש, און יעדער איינער איז פארטיפט אין זיין פאון.

זי פלאצט אויס אין א געוויין! זי באטראכט איר פאון מיט עקל און מיט פיינטשאפט פארן איר אזוי צוגרונד לייגן

דאס שיינע לעבן וואס זי האט געהאט. זי מאכט ביי זיך א פעסטע החלטה: מער נישט! זי טוט תשובה און הייבט אן פון פריש. זי גייט אנהייבן אינוועסטירן אין איר שטוב, אין אירע קינדער, און אין איר שלום בית - דאס זענען זאכן וואס בלייבן און דאס וועט זי מיט זיך מיטנעמען נאך די הונדערט און צוואנציג.

די גאס איז דאך אזוי קאלט און שרעקעדיג, פול מיט מינות און אפיקורסות. עס טוט זיך א מבול פון נסיונות, און אזויפיל קינדער פאלן לײדער אוועק; מען דארף רחמי שמים צו קענען בלייבן ערליך.

אבער זי וועט טון וואס נאר זי קען כדי געראטעוועט צו ווערן פונעם מבול: **זי וועט אויך בויען א תיבה.** זי וועט בויען איר שטוב, זי וועט בויען א "תיבת נח" - אן אפגעהיטענע, ווארעמע היים וואו זי וועט זיין א שמייכלדיגע מאמע און ווייב; א ווארעם נעסט וואס זאל קענען באשיצן איר מאן און קינדער פון אלע בייזע ווינטן וואס בוזשעווען אינדרויסן.

**3:00 נאכמיטאג.**

הערשי גייט אראפ פונעם באס אינגאנצן פארוואונדערט. קען דאס דען זיין? זיין מאמעווארט אויף אים? א שטראל צינדט זיך אן אין זיינע אויסגעלאשענע אויגן. "מאמי!" לויפט ער צו איר מיט פרייד. די מאמע נעמט אים אויף מיט א ווארעמען שמייכל און צוזאמען גייען זיי אהיים.

איבערראשט ווייזט ער איר דעם צעטל וואס ער האט היינט באקומען אין חדר, וואו דער רבי שרייבט אז ער איז געווען זייער וואויל.

די מאמע פריידט זיך און הענגט עס אויף אויפן פרידזשידער. "אז טאטי זאל עס אויך קענען זען און האבן נחת," זאגט זי צו אים מיט א שמייכל.

אלע קינדער זעצן זיך ביים טיש און די מאמע גיט יעדן א טעלער פרישע עסן. "פונקט אזוי ווי אמאל," טראכט הערשי צו זיך; ער פילט זיך ממש ווי אין א חלום. די קינדער באלעקן זיך מיט די גוטע עסן. דערנאך מאכן זיי א שיינע נאך ברכה און די מאמע נעמט ארויס שפילצייג; זי זעצט זיך אויף דער ערד און שפילט צוזאמען מיט זיי.

פריידי טרעפט זיך אויסהערן אירע קינדער און אלע מעשיות וואס זיי האבן געהאט היינט, און אלעס וואס זיי האבן שוין אזוי לאנג געוואלט איר צו קענען מיטטיילן. אזוי גייען אריבער די נאכמיטאג שעות גאר געשמאק.

א קלאפ הערט זיך אויפן טיר. די טיר עפנט זיך און דער טאטע קומט אריין, זיינע אויגן זענען טיף איינגעשטעקט אינעם פאון, פארנומען מיט א וויכטיגן טעקסט מעסידזש.

מיטאמאל כאפט ער אויף אן אנגענעמען גערוך. ער קוקט זיך ארום און צו זיין גרויס וואונדער זעט ער זיין ווייב שטיין ביים טאפ און זי גריסט אים מיט א שמייכל. ער זעט די פרייליכע קינדער און דאס צאמגערוימטע הויז.

זיין פאון ווערט גראד אריינגעלייגט אין טאש און א שמייכל שפרייט זיך אויס אויף זיינע ליפן. "א גוטן טאג," גריסט ער צוריק. פריידי סערווירט אים מיט געטריישאפט; די קינדער שפילן און זיי זעצן זיך שמועסן אנגענעם. ער דערציילט איר וועגן א קאמפלימענט וואס ער האט היינט באקומען פון זיין בעל הבית און וועגן אן ארבעטער וואס קומט אלץ שפעט.

זי דערציילט אים שיינע זאכן פון די קינדער. ער זעט הערשי'ס נחת-צעטל, ווען פלוצלונג באמערקט ער אז עס איז שוין שפעט; די צייט איז אזוי געשמאק פאריבער אז ער האט אפילו נישט באמערקט ווי זי פליט.

"איך דארף שוין גיין דאווענען," רופט ער זיך אן. ער נעמט זיין הוט און רעקל און גייט אין שול. די קינדער פאקן אוועק די שפילצייג, די מאמע באדט זיי, לייענט מיט זיי קריאת שמע און לייגט זיי אריין אין די בעטן. זי שטייט ביי הערשי'ס בעט און וואונטשט אים א גוטע נאכט.

"מאמי?" עפעס וויכטיג האט ער צו פרעגן.

"יא, שעפעלע?" פרעגט זי אים.

ער באטראכט איר מיט זיינע תמימות'דיגע ריינע אויגן: "מאמי, אויך מארגן וועסטו מיר ווארטן ביי די באס? און דו וועסט שפילן מיט אונז און אונז געבן אזעלכע גוטע עסן?"

פריידי'ס אויגן ווערן אנגעפולט מיט טרערן. זי דרוקט אים צו צום הארצן: "מיטן אייבערשטנ'ס הילף," בארואיגט זי אים. "דער פאון איז שוין מער נישט דא; יעצט איז נאר דא ענק - מיינע זיסע קינדערלעך."

הערשי שמייכלט און פאלט איין אין א זארגלאזן און רואיגן שלאף.

ווען איר מאן קומט אהיים זענען די קינדער שוין געשלאפן, און ער וואונדערט זיך אויפן גרויסן טויש.

פריידי נעמט ארויס איר סמארטפאון פונעם שאפע און שטרעקט עס אויס צו אים; ער קוקט איר אן פארוואונדערט.

"איך וויל עס מער נישט," רופט זי זיך אן מיט א שטארקקייט, "איך וויל זיין א מאמע, איך וויל זיין א ווייב..."

איר מאן באטראכט דאס צאמגערוימטע הויז און זיין שמייכלדיגע ווייב; ער פארשטייט שוין אלעס, און זיין פנים שיינט אויף.

זייערע בליקן טרעפן זיך און א שמייכל שפרייט זיך אויס אויף זיינע ליפן - "שכח"!

# הער א מעשה

13 איבערגעבן א מעשה פון תפילה רופא ל. וועבערמאן 845-662-4083

## ל. וועבערמאן

קרית ברסלב

ברוך השם, איך האב געקענט גיין אביסל איינקויפן פאר די קינדער לכבוד יום טוב.

צוויי פון מיינע מיידלעך האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי ווילן א נייע האנט זייגער. ברוך השם מ'איז אין געשעפט, און מ'ווועלט זיך אויס עפעס וואס זעט אויס שיין אבער נישט צו טייער.

אויפ'ן וועג אהיים האבן זיי עס אנגעטון. גלייך זאגט מיר מיין טאכטער אז ס'פילט זיך אזוי שוואך, און פלוצלינג פאפ... די הענטל געבט זיך א רייס אויף. מיין אנדערע טאכטער זאגט אז איר זייגער פילט זיך אויך זייער שוואך, האט זי עס שנעל אויסגעטון פאר ס'צערייסט זיך.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די געשעפט זאל מסכים זיין עס צו צוריקנעמען. פון איין זייט האב איך רחמנות געהאט אויפן געשעפט אייגענטומער אז זיי האבן יעצט שאדן, אבער פון די אנדערע זייט וויל איך האבן גוטע זייגערס און נישט בלייבן מיט די דזשאנק.

די קומענדיגע טאג קום איך אריין אין געשעפט דערציילנדיג די מעשה. איך בעט דעם אייבערשטן זיי זאלן עס וועלן צוריקנעמען.

שכח אייבערשטער זיי האבן מיר אויסגעהערט און געלאזט אויסוועלן עפעס אנדערש. כאטש איך האב געצאלט אסאך מער פאר א בעסערע קאמפאני זייגער, אבער ס'איז בעסער ווי איינס וואס צורייסט זיך.

## מ. סופר

קרית ברסלב

לעצטע יאר שמחת תורה בין איך איינגעשטאנען אין איינעמ'ס בעיסמענט אין קרית ברסלב צו קענען זיין נאנט צו די שול און קענען מיטהאלטן די הערליכע הקפות פונעם ראש ישיבה שליט"א. דעמאלטס האב איך נאכנישט געוואוינט אין קרית ברסלב.

ס'איז געווען ממש מעין עולם הבא צו קענען מיטהאלטן. אבער נאכדעם קומט א צייט וואס מ'דארף אהיימגיין און צוריקגיין צו סדר.

איך קום אן אינדערהיים, באמערק איך אז אפאר זאכן פעלן מיר. ס'איז געווען אן SD קארד, אן אויערינגל, און נאך קליינע זאכן. אבער למעשה האב איך עס עכט שטארק געוואלט האבן. ווען איך האב זיך דערמאנט פון דעם, האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן. אזוי דורכאויס די גאנצע יאר.

ס'איז דורך א גאנצע יאר, און ס'איז שוין נאכאמאל שמחת תורה. איך בין נאכאמאל איינגעשטאנען ביי די זעלבע בעיסמענט. כאטש היינט וואוין איך שוין ברוך השם אין קרית ברסלב, וואוין איך אבער זייער ווייט פון די גרויסע שול, און ס'איז מיר אויסגעקומען אסאך בעסער אז איך קען איינשטיין נענטער צו די שול.

איך קום אן דארטן אין די בעיסמענט, און עס איז מיר געווען א גוטע סורפרייז צו טרעפן ווי אלע פארלוירענע זאכן ליגן אזוי שיין און ווארטן אויף מיר.

עס איז מיר געווען אזא גוטע חיזוק צו זען אז דער אייבערשטער הערט מיר אויס ווען איך בעט אים.

# ח. יאקאבאוויטש

קרית ברסלב

לעצטן ווינטער בין איך ארויסגעפארן אויף א ווייטע וועג וואס נעמט צוואנציג שעה. דער פלאן איז געווען אז די וועג זאל זיין א חלק פון די וואקאציע, מ'זאל ענדזשויען די וועג.

ברוך השם, די וועג גייענדיג האט זיך שיין אויסגעארבעט, מיר האבן דארט פארברענגט עטליכע טעג, און נאכדעם האט מען זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג אהיים.

אנהייב זענען די וועגן געפארן געשמירט, אבער אינמיטן וועג האט אנגעהויבן פאלן א שניי. מיר זענען דורכגעפארן שטעטלעך וואס דארט איז שניי א חידוש.

געווענליך איז דארטן ווארעם, און זיי זענען נישט צוגעוואוינט זיך צו אן עצה געבן מיט די שניי. וואס פאסירט איז אז זיי האבן נישט קיין שניי-טראקס און א סיסטעם זיך צו אן עצה געבן מיט דעם.

מיר האבן געהאלטן אין איין גליטשן, און ביי די זייטן האבן מיר געזען קארס וואס זענען סטאק, מיר האבן געזען עקסידענטס. מיר האבן געהאלטן אין איין בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן אנקומען בשלום.

דערווייל זעט מען נאר ווי די שניי ווערט געדעכטער און די וועגן שווערער.

מיר האבן נישט געהאט קיין שניי-רעדלעך, און אונזער קאר איז בכלל נישט געפארן אזוי גוט.

מיר פרובירן צו אנציען און פארן שטייט. צו אלעם טרעפן מיר זיך מיט א פאליס קאר אונטער אונז. מיר האבן גארנישט געטון שלעכטס, אבער וואס וויל ער פון אונז? פאר א לענגערע צייט איז ער אונז אזוי נאכגעפארן, סתם צו אנציען אונזערע נערוון, אז מיר זאלן מאכן תפילה אנצוקומען אהיים בשלום.

ענדליך ענדליך האט דער פאליסמאן אפגעמאכט ווייטער צו וועקפארן און אונז לאזן אפאטעמען.

אבער נישט לאנג זענען מיר געפארן צו רואיג, וויל פלוצלינג הערן מיר א קראך. נישט מער און נישט ווייניגער, די רעדל האט א פלעט. מיר זענען סטאק ערגעץ אין א ווייטע סטעיט אינמיטן א שנייגע נאכט. נישטא ווער צו רופן הילף, נישטא וואו צו גיין, נאר צום אייבערשטן אליין.

פארשטייט זיך, מיר האבן אנגעהויבן מער בעטן דעם אייבערשטן. אויף עפעס א וועג וועט זיך די מכה מוזן ענדיגן, אבער באשעפער, וויאזוי וועט זיך עס ענדיגן? באשעפער, העלף עס זאל זיך ענדיגן גרינג.

מיר האבן גערופן חברים, זיי האבן געזאגט אז זיי קענען ארויסלייגן די רוף, אבער זיי גלייבן נישט אז איינער איז יעצט אין אונזער געגנט צו קענען העלפן.

מיין מאן האט גערופן טריפל עי, א קאמפאני וואס מ'צאלט יעדן חודש, אז אויב עפעס פאסירט זאלן זיי קומען העלפן, אבער למעשה זאגן זיי אז זיי קענען אונז נישט העלפן אויסער צו וועקשלעפן די קאר, וואס איז גארנישט ווערד פאר אונז אינעם יעצטיגן מצב.

מיר זיצן אין די זייט א שעה, צוויי, דריי, און גארנישט. באלד נוצט זיך אויס די געז, און ס'ווערט פריזינג קאלט. אין די קאר האבן מיר געהאט אן איבריגע רעדל, אבער זייער א דינע און שוואכע, וואס מיר ווייסן אפילו נישט אויב ס'קען בכלל פארן אויף די שניי.

בלית ברירה איז מיין מאן ארויס אין די ביטערע קעלט. נאכ'ן ארבעטן שווער אויף דעם ארויפצולייגן די איבריגע רעדל, האט מען אנגעהויבן פארן שטייטעלעך צו די נעגסטע געז סטעישאן. די געז סטעישאן איז געווען פארמאכט.

בעטנדיג דעם אייבערשטן מיר זאלן זיך שוין טרעפן אינדערהיים, זענען מיר צוגעפארן צו די נעקסטע געז סטעישאן.

ברוך השם, ס'איז געווען אפן. מיין מאן האט געקויפט א פלאג וואס איז געמאכט צו פארשטאפן די לאך פון די רעדל. ער האט פארמאכט די לאך, און יעצט איז די ארבעט צוריק ארויפצולייגן די געהעריגע רעדל אויפ'ן קאר.

ס'איז געווען גאנץ א שווערע ארבעט, אבער מיר האבן זיך למעשה געפרייט צו זען ווי דער אייבערשטער העלפט אונז שוין.

נאך פיר שעה האבן מיר זיך געזען צוריק אויפ'ן ראוד.

שכח אייבערשטער, ס'איז טאקע געווען שנייאיג און גליטשיג, אבער מיט תפילה האבן מיר דורכגעמאכט די איבריגע פון די וועג. און מאנטאג צופרי זענען מיר זיך ענדליך אינדערהיים.

אינדרויסן איז פראסטיג קאלט, שנייאיג, אבער מיר זענען אין אונזער פיינע ווארימע היים.

שכוח אייבערשטער אז מיר האבן תפילה וואס ראטעוועט אין יעדן מצב.

שכח אייבערשטער פאר אזא ראש ישיבה וואס דערמאנט אונז נאכאמאל און נאכאמאל אויסצונוצן די טייערע מתנה פון תפילה וואס מיר האבן.

ש. טראכטער



# ראטעווע מיר פונעם מבול

דוד, אדער דאוויד ווי מען רופט אים אין די ווייטע סיביר, דרייט זיך ארום מיט א צובראכענעם געמיט. מען האט אים פארטריבן קיין סיביר צוליב די עבירה פון לערנען תורה מיט אנדערע, א חטא וואס פארדינט זיך צוואנציג יאר סיביר אין די קאמיוניסטישע רוסלאנד.

„דו וועסט ארבעטן אין די גאלד מינע. פון מארגן אן וועסטו אראפגיין טיף אין גרוב און ארויסגראבן גאלד פאר מוטער רוסלאנד," האט אים דער קאמאנדיר געמאלדן מיט א טרוקענע, קאלטע שטימע וואס האט זיך געפאסט צום אייז-קאלטן רוסישן קלימאט.

דוד, מיט זיין אידישן קאפ, האט געזוכט דאס גוטס אין יעדן פרט פון זיין גלות. „גאלד..." האט ער זיך פארטראכט.

גאלד איז דאך דער טייערסטער ארטיקל וואס עקזיסטירט. „איך וועל דאך מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף נישט דא בלייבן אויף אייביג; וועל איך זיך שטילערהייט אנפאקן מיט גאלד און טרעפן וואו עס צו פארקויפן. ריכטיג, איך וועל ארבעטן עבודת הפרך, אבער אין איינוועגס וועל איך שוין אויך שארן גאלד און אהיימקומען אן עושר."

דעם קומענדיגן טאג איז דוד

אראפגעשיקט געווארן מיט עטליכע רוסישע פויערן ארבעטן ביטער שווער, זעכצן שעה אין א צי, אויסצוגראבן גאלד כדי רייך צו מאכן די אוצרות פון רוסלאנד.

ער האט אבער געפונען א חיות אין זיין ארבעט, ווען יעדע פאר מינוט שלייכט ער אריין א קליין שטיקל גאלד ביי זיך אין טאש. אזוי רוקט ער אריין א שטיקל נאך א שטיקל, היטנדיג גוט אז קיינער זאל אים נישט באמערקן.

פלוצלינג הערט ער ווי איינער שטייט נעבן אים און לאכט זייער הויך. אין רוסלאנד איז לאכן געווען א זעלטענע זאך. ווער לאכט דא אזוי?

דוד דרייט זיך אויס און זעט באריס, איינער פון די פויערן, ווייזן מיט'ן פינגער אויף זיין טאש מיט די באהאלטענע אוצרות, און ער לאכט אן אויפהער.

צום ערשט האט ער זיך דערשראקן, אבער זעענדיג ווי באריס לאכט אזוי שטארק ביז עס קומען אים טרערן, האט ער זיך דערוואגט צו פרעגן: "וואס איז אזוי לאכעדיג?"

באריס קען ממש נישט קומען צו זיך און רופט אויס צו די אנדערע חברים: "דאוויד לייגט אריין גאלד ביי זיך אין טאש... הא... הא... הא..."

און אלע, ווי א כאר, שיסן אויס אין א געלעכטער.

דוד פארשטייט באמת נישט: וואס איז אזוי אינטערעסאנט מיט זיין טאש אנגעפולט מיט גאלד?

ביז איינער פון די פויערן האט זיך מרחם געווען און אים מסביר געווען: "קוק אהער, חבר... אין די וועלט איז גאלד טאקע דער טייערסטער ארטיקל, אבער דא ביי אונז אין סיביר, ווער דארף גאלד? דא איז די טייערסטע זאך 'עסן'. אויב דו האסט עסן, קענסטו לעבן. דו מיינסט אז מיר קענען נישט נעמען קיין גאלד? אבער וואס וועט אונז גאלד העלפן? גאלד וועט אונז קיין לעבן נישט געבן."

דוד האט איינגעזען אז זיי זענען גערעכט. "איך האב געמיינט אז גאלד איז די טייערסטע זאך אויף די וועלט, אבער יעצט זע איך אז עסן איז טייערער ווי גאלד," האט ער געטראכט, בשעת ער האט אויסגעשאקלט זיין טאש פון די טייערע אבער ווערדלאזע שטיקער.

יענע נאכט האט דוד שפאצירט נעבן וואלד און באמערקט ווי דער גוי'אישער וועכטער זיצט אין א זייט און בייסט אריין אין א הייס שטיקל פריש-געבראטענע פלייש. די אויגן און דער מאגן זענען אים שיעור נישט אויסגעגאנגען, זעענדיג די רויעך קומען דערפון, און ער האט געטראכט מיט ביטערניש: "ווען איך קען יעצט האבן א ווארימע טעלער זופ אדער א געבראטענע שטיקל פלייש..."

יא, עסן איז טייערער ווי גאלד.

אבער דעם קומענדיגן טאג, ווען ער האט ווידער געטראפן דעם וועכטער, האט ער אים באטראכט און געזען ווי ער פארייכערט א פיינעם ציגאר.

דער ריח האט אים שיעור קראנק געמאכט. דוד האט פארמאכט די אויגן און געטראכט: "עסן גיט כח פאר עטליכע שעה, אבער א גוטער ציגאר מיט פיינע טאבאק וועט מיר געבן אזא טרייבקראפט אנגיין פאר נאך א טאג מיט כח. א ציגאר איז טייערער ווי עסן," האט ער באשלאסן ביי זיך.

מיט זיין אידישער עקשנות האט דוד באשלאסן אז ער "מוז" זיך שאפן א ציגאר. זיין מח האט שוין פלאנירט פון וועמען ער קען שנארן אביסל טאבאק, און מיט גרויס מי און אנשטרענגונג האט ער צאמגעקראצט אביסל פון דעם און פון יענעם, ביז ער האט געהאט גענוג פאר א געשמאקן ציגאר. דאס איז געווען מער ווערד אין סיביר ווי א גאנצע הייל מיט גאלד אדער א גאנצע שאכטל מיט עסן.

אבער דא האט זיך דוד אנגעשטויסן אין א פראבלעם: ער האט נישט קיין שטיקל פאפיר צו מאכן דעם ציגאר, כדי אריינצולייגן די טאבאק און עס אנצינדן.

פאפיר אין סיביר איז געווען א יקר המציאות; עס איז נישט געווען צו געפינען אפילו א שטיקל. דוד טראכט צו זיך איראניש מיט א ביטערן שמייכל: "אמאל האב איך געמיינט אז גאלד איז דאס טייערסטע... דערנאך האב איך געמיינט אז עסן איז דאס טייערסטע... שפעטער האב איך פארשטאנען אז א ציגאר איז טייערער, אבער יעצט בין איך איבערצייגט אז פאפיר איז טייערער פון אלעם."

דוד האט אפגעמאכט ביי זיך אז זאל זיין וואס זאל זיין, ער וועט שאפן פאפיר.

איינמאל א טאג האבן די ארעסטאנטן באקומען א האלבע שעה וואס זיי האבן געמעגט שפאצירן פריי אין די געגנט.

יענעם טאג האט דוד שפאצירט ארום און ארום, בשעת זיינע ליפן שושקען א תפילה אז ער זאל טרעפן א שטיקל פאפיר. פלוצלינג הערט ער ווי איינער רופט שטיל: "פס... סס... סס..."

דוד דרייט זיך אויס און זעט א פויער

אויף די אנדערע זייט פונעם צוים. "זאג נאר, חבר," פרעגט ער אים ווען דוד קומט נענטער, "דו קענסט ליינען? דו זעסט מיר אויס ווי א קלוגער מענטש."

"יא," באשטעטיגט דוד.

"געוואלדיג," פריידט זיך דער פויער, "איך דארף א טובה פון דיר. מיין זון קעמפט פאר רוסלאנד אויפ'ן פראנט און ער שיקט מיר יעדע וואך א בריוו. וואלסטו מסכים געווען מיר פארצוליינען זיין בריוו? אלס באצאלט וועל איך דיר געבן דעם ענוועלאפ במתנה."

דוד איז אוודאי איינגעאנגען אויפ'ן געשעפט, און גדאנקט דעם אייבערשטן פאר די אומשאצבארע מתנה - א שטיקל פאפיר. וואס ער האט אבער נישט געוואוסט איז, אז דער אייבערשטער האט אים מזכה געווען מיט א פיל טייערערע מתנה ווי פאפיר.

דוד ליינט אפ דעם בריוו פאר'ן פויער, וועלכער קוועלט פאר נחת זענדיג ווי זיין זון איז געטריי פאר פאטער סטאלין און מוטער רוסלאנד, און ווי אפגעשמועסט גיט ער אים דעם ענוועלאפ.

דוד קומט אריין צו זיך און זעצט זיך אוועק מיט זיין אוצר. אט גייט ער שוין קענען פארררייכערן דעם אויסגעווארטן ציגאר, די טייערסטע זאך אין זיין יעצטיגן מצב.

אבער ווי נאר ער עפנט דעם ענוועלאפ, ווערט אים קאלט און הייס אויפאמאל. ער זעט אז דאס איז גארנישט קיין פשוט'ע פאפיר;



דאס איז א שטיקל פון דאווענען, אן ארויסגעריסענער בלאט פון א סידור וואס דער גוי האט פארוואנדלט אין אן ענוועלאפ.

דוד האט זיך אפגעשטעלט פאר א מינוט. ניין ער וועט געוויס נישט פארררייכערן און פארברענען די טייערע אוצר, די סידור. ריכטיג א ציגאר איז אים זייער וויכטיג און טייער אבער דער סידור איז געוויס נאך טייערער.

מיט גרויס התרגשות איז דוד צוגעלאפן צו זיינע אידישע ברידער און מיט טרערן אין די אויגן געזאגט: "קומט, טייערע ברידער, איך האב געפונען אן אוצר... איך האב געפונען די טייערסטע זאך אויף די וועלט... איך האב א שטיקל פון א סידור!"

די טייערע פארפאלגטע אידן, צען אין צאל, האבן זיך געשטעלט דאווענען מיט א מנין מיט דעם "איין בלאט פונעם סידור".

דריי מאל א טאג, א גאנץ יאר - פסח, שבועות, סוכות, פורים, יום כיפור, ראש השנה און אזוי ווייטער און ווייטער- אין יעדן זמן האבן די טייערע אידן געדאווענט מיט א מנין דעם דאזיגן בלאט.

ביי א געלעגנהייט האט דוד געזאגט פאר זיינע חברים: "אמאל האב איך געמיינט אז גאלד איז די טייערסטע זאך, דערנאך האב איך געטראכט אז עסן שטייגט איבער, דאן האב איך איינגעזען אז א ציגאר גיט כח פאר מער צייט, שפעטער האב איך אנערקענט אז פאפיר איז העכער פון אלעם; אבער היינט ווייס איך אז אונזער סידור, אונזער פארבינדונג און קשר צו אונזער טאטע אין הימל, איז די טייערסטע זאך וואס עקזיסטירט אויף די וועלט! דאס דערוואַרימט אונז, זעטיגט אונז, און גיט אונז כח און לעבן מער ווי סיי וועלכע זאך אין די וועלט."

אשרינו מה טוב חלקנו, וואויל איז אונז, ווי גוט איז פאר אונז אידן!

יארן לאנג האבן די מסירות נפש אידן געדאווענט אין זייער איין בלאט פון א סידור, וועו יעדעס מאל איז א צווייטער געווען דער "בעל תפילה". ווען דוד איז שפעטער ארויסגעקומען פון סיביר און זוכה געווען אויפצושטעלן א שטוב, און ער האט שוין געהאט א שאנק מיט ספרים און סידורים, האט ער אבער אפגעהיטן זיין טייערסטע אוצר: יענע איין צעריסענע בלאט פונעם סידור פון די פארווארפענע טעג אין סיביר.

דער סידור איז געווען געשריבן מיט גאר קליינע אותיות; עס האט זיך אנגעהויבן מיט "אז ישיר" און די לעצטע פאר ווערטער זענען געווען פון אהבת עולם: "אבינו אב הרחמן, המרחם רחם עלינו..." ווי פאסיג- אנגעהויבן מיט הודאה און געענדיגט מיט בקשה!

...

יעדער פאר זיך גייט אריבער זיין אייגענעם "סיביר", זיינע אייגענע קאלטע און אויסגעלאשענע טעג. יעדער איד גייט אריבער דעם גלות אויף זיין אייגענעם וועג, ווי רבי נתן זי"ע האט געזאגט: "נישטא ווער מען מקנא צו זיין; אויב מקנא זיין, איז נאר דעם ערליכן איד... און אויב דו ביסט דער ערליכער איד, בין איך דיר מקנא."

בזה העולם גייט יעדער אריבער שוועריגקייטן. איינער טראכט: "ווען איך וואלט געהאט געלט, א הויז, אזא סארט מאן... אזעלכע קינדער... וואלט אלעס געווען מסודר." ביי זיך אין מח טראכט מען: "די טייערסטע און וויכטיגסטע זאך אין מיין וועלט איז..."

אבער ליבע שוועסטער, לאמיר געדענקען אז דער טייערסטער אוצר געפינט זיך ביי אונז. דאס איז אונזער סידור... אונזער מויל. אונזער גאנצער כח ליגט אין תפילה.

און ווי דער הייליגער רבי האט זיך אמאל אויסגעדרוקט (אנקומענדיג קיין אומאן, האט דער הייליגער רבי געפרעגט וואו עס איז דא א גוט פלאץ זיך צו מתבודד זיין. מען האט אים געזאגט אז עס איז דא א גוט פלאץ, אבער עס איז אביסל ווייט צו גיין... דאן האט דער רבי זיך אויסגעדרוקט): "ווי ווייט איז שוין דאס הארץ פונעם מויל?" ווי שווער איז שוין צו עפענען דאס הארץ און זיך אויסרעדן צום אייבערשטן, וואס ער איז דאך דער שליסל פון אלע ישועות? וואו א מענטש געפינט זיך נאר, קען ער עפענען זיין מויל און נוצן די אומשאצבארע, אייביגע נצחיות'דיגע מתנה און ארויסזאגן פארן אייבערשטן אלעס וואס גייט אויף אים אריבער... אנהייבנדיג מיט "אז ישיר", מיט דאנקען און לויבן, און ענדיגן מיט "אבינו אב הרחמן" - אייבערשטער, האב רחמנות אויף מיר און אויף מיין משפחה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן אין "עצתו אמונה" (פרשת בראשית), אז בזמן די קאמיוניסטן האבן אידן זיך מוסר נפש געווען צו דינען דעם אייבערשטן אפענערהייט, בפרהסיה; היינט רייסן מיר זיך צו דינען דעם אייבערשטן בצנעה, באהאלטענערהייט. אונזער מלחמת היצר איז צו זיין א איד אין הארץ, א ירא שמים, און צו בויען א קשר מיט אונזער באשעפער אינעווייניג אין הארץ. ווי מיר בעטן אין תפילת השל"ה: "ויעבדוך באהבה וביראה פנימית, ולא יראה חיצונית" - מיינע קינדער זאלן דיר דינען מיט ליבשאפט און מיט אן אינעווייניגסטע יראה, נישט קיין פארכט וואס איז נאר פון אינדרויסן (פאר אנדערע צו זען).

ברוך השם מיר האבן היינט א שפע פון סידורים און א שפע פון אידישקייט בפרהסיה, דער אייבערשטער זאל העלפן אויף ווייטער. אבער עס איז דא א שווערע רוחניות'דיגע מלחמה פון אינעווייניג. דער יצר הרע רייסט שטיקער פון כלל ישראל; מיר געפינען זיך אינמיטן א מבול. מוהרא"ש זי"ע האט געזאגט אויף אונזער דור, אז עס איז די נסיונות פון דור המבול און דור הפלגה אינאיינעם.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אמאל אויסגעדרוקט: וויאזוי קען מען ראטעווען זיך און די משפחה פון דעם מבול פון נסיונות וואס בוזשעוועט היינט פון אינעווייניג און פון אינדרויסן?" עס איז היינט א וועלט וואו מיט א דרוק פון א קליינעם קנעפל קען יעדער בחור, מיידל אדער פרוי זיך אנזען מיט זאכן וואס א איד האט אמאל נישט געזען אין זיינע אכציג יאר... אויב אזוי, וויאזוי קען מען היטן אונזערע דורות?

"נאר דורך אריינגיין אין די "תיבת נח" - זיך האלטן צום צדיק אין די תיבה, דורך הערן, פאלגן און אויספירן די עצות." מיר דארפן זיך אויפפרישן צום לאנגן ווינטער וואס שטייט פאראויס, און פרובירן צו הערן א שיעור אדער א דיבור פונעם רבי'ן כאטש איינמאל א טאג. דאס דערוואַרימט, דערוועקט, דערקוויקט און שטופט אוועק אלע נעגאטיווע און נארישע זינלאזע מחשבות פון עצבות און מרה שחורה.

לאמיר מאכן א תפילה אז מיר און אונזערע דורות זאלן נישט אפגעקילט ווערן פון די צדיקי אמת, און מיר זאלן זוכה זיין צו לעבן מיט א "יראה פנימית", מיט יראת שמים און ליבשאפט צום אייבערשטן מיט דעם גאנצן הארץ.

# Chicken Soup

S. LEVY

## INGREDIENTS

1 package chicken bones and or bottoms
2 squash
4 carrots
2 parsnip
1 small knob celery
1 package reg. celery
1 kohlrabi
Salt to taste

## DIRECTIONS

Fill 8 quart pot with ingredients and water and cook on low flame for 4-5 hours.



**שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבוא!**

יעצט ווען עס קומט די לאאאאנגע ווינטער, און מ'זעט אלע אדווערטייזמענטס פאר וויטאמינען זיך צו האלטן געזונט דורכאויס די ווינטער, גייען מיר צוריק צו די שבת'דיגע עסן רעסעפּיס, וואס דאס ברענגט די גרעסטע רפואה.

אזוי ווי אונזערע באבעס פלעגן זאגן, "Chicken soup is Jewish penicillin"

# קלאסיפיידס

Reliable plumbing solutions

loop PLUMBING

917.202.1206

פרשת נח
ו׳ חשון

הדלקת הנרות .. 05:57
מוצאי שבת ...... 07:26

מנחה
מעריב
לך לך
07:03

בשעת שבת קודש

אן עד אין
בלעטל ברענגט
רעזולטאטן

845-379-1161
ads@bletelmagazine.com

# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה שלום שניצלער הי"ו

וזוגתו מרים אסתר תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א

וזוגתו מלכה תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה אהרן שלמה שווארץ הי"ו

וזוגתו מרים תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו

וזוגתו יוטא פערל תחי'

### צו די בר מצוה פון נתנאל נ"י למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

ג. פעקעטע



# א ריכטיגע בלאזער

"הערשי?" האב איך געפרעגט מיט נייגער. "דאס האב איך מיר בכלל נישט געראכטן," האב איך שטילערהייט געטראכט.

מיין שוועגערין האט מיך אנגערופן צוויי טעג נאכדעם וואס זי האט געהאט א קינד. איך האב איר שוין געהאט גערופן אנוואונטשן מזל טוב, אבער עס קוקט אויס אז זי איז נאך געווען פארנומען און האט נאכנישט געקענט ענטפערן דעם טעלעפאן. יעצט אבער, צוויי טעג שפעטער, ווען זי האט געקאלט, האב איך זיך געפרייט אויפצוהייבן און איר אנוואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר איר ניי-געבוירן זיבעטן קינד.

זי האט קוים געהאט צייט צו זאגן "ברוכים תהיה" און "שכח פארן קאלן", ווען זי האט שטאמלענדיג ארויסגעזאגט: "אפשר וואלסטו געקענט ביישטיין צו נעמען מיין יונגל הערשי פאר א וואך? איך האב אים נישט וואו צו לייגן ווען איך גיי אוועק זיך אפרוען."

הערשי איז א צען-יעריג יונגל. "איך האב נאר קלענערע יונגלעך, וואס זענען בכלל נישט קיין קאמפאני פאר הערשי," האב איך געטראכט. "איך האב א מיידל, וואס איז זיכער נישט קיין קאמפאני פאר הערשי, ווייל ער איז שוין א גרויסער יונגל און קען נישט שפילן מיט איר. איז פארוואס טראכט זי מיך צו פרעגן צי איך קען נעמען הערשי פאר א וואך?"

למעשה האבן מיר ווייטער געשמועסט עטליכע מינוט. שטילערהייט האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיך חונן דעת זיין, צי דאס איז א זאך וואס

איך קען זיך אונטערנעמען.

זי האט מיר מסביר געווען זיין טעגליכן סדר: ער איז נאר א קורצע צייט אינדערהיים, וויבאלד ער קומט אהיים שפעט פון חדר און גייט שוין גאר פרי ארויס. דעריבער דארף ער נאר האבן א פלאץ אהיימצוקומען פון חדר, עסן עפעס, און דאן איז ער שוין גרייט צו גיין שלאפן. ס'דארף נישט זיין שווער.

אויך האט זי צוגעלייגט: "ער האט ליב צו ליינען, און איך וועל אים מיטשיקן עטליכע ביכער ער זאל האבן וואס צו טון. דו דארפסט דיך נישט זארגן," האט זי צוגעענדיגט. "ער איז א וואויל קינד; ס'וועט נישט נעמען צופיל פון דיר. און אויב דו פילסט אז ס'איז א זאך וואס דו קענסט טון, וואלט עס פאר מיר געווען א גרויסע טובה."

איך האב מיך דערמאנט אין די שיעורים, אין וועלכע דער ראש ישיבה מחזק פרויען ארויסצוהעלפן איינע די אנדערע. אז מ'האט שוין סייווי א שטוב, א ווירטשאפט פון שלאפן לייגן און פיטערן סאפערס, מאכט עס נישט צופיל אויס אז ס'קומט נאך א קינד. אזוי העלפט מען זיך ארויס איינע די אנדערע.

דא האט זי מיר שוין מסביר געווען אז ער איז אן עלטער קינד וואס קען זיך אליין קעיר נעמען; ער דארף פשוט האבן א פלאץ וואו איינצושטיין. האב איך מחליט געווען אז עס איז א טובה וואס איך שפיר אז איך קען יעצט טון.

איך האב איר נישט געזאגט סתם "יא", נאר "זיכער": "אוודאי קענסטו מיר שיקן הערשי, און זארג דיך נישט, מ'וועט אלעס מסדר זיין. איך וועל אים פרובירן צו האלטן ביזי מיט זאכן וואס זענען געאייגנט פאר זיין עלטער, און דו דארפסט דיך גארנישט זארגן. ער קען גלייך פון חדר אהיימקומען אהער, און זיין טאטע וועט שפעטער אריבערברענגען די וועש."

איך האב געהערט ווי מיין שוועגערין אטעמט אפ, זאגט א שנעלן שכח און הענגט אויף, צו גיין מאכן נאך "ארענדזשמענטס" פאר די אנדערע קינדער.

שכח אייבערשטער, הערשי איז אנגעקומען. דעם ערשטן טאג האבן די קינדער נישט פונקטליך געוואוסט וויאזוי זיך אומצוגיין מיט אים. מ'האט אים אנגעקוקט מיט גרויסע אויגן, ווי א 'גרויסער מענטש' אין א שטוב פון קלענערע קינדער. הערשי איז טאקע געווען זייער וואויל; ער האט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקל אביסל ליינען און איז שיין געגאנגען שלאפן.

דעם נעקסטן טאג האט געשיינט א ווארימע זון. כאטש די וועטערס האבן שוין אנגעהויבן ווערן קיל און די נאכט האט אנגעהויבן פאלן אביסל פריער, האט דער אייבערשטער אריינגעווארפן א שיינעם ווארימען טאג אינעם הערליכן קאלירפולן הערבסט סעזאן, ווען די בלעטער טוישן די קאלירן צו רויט, געל, אראנדזש און ברוין, און פאלן דערנאך אראפ.

די קינדער זענען ארויסגעגאנגען מיט סוועטערס פארברענגען אין די בלעטעלעך וואס זענען געפאלן פון די ביימער. בלעטער פון אלע קאלירן זענען געלעגן אויף דער ערד. מען האט אנגעהויבן זיי צוזאמקראצן און צוזאמנעמען אין א בארג. דאן איז מען געגאנגען ברענגען דעם רעיק (rake) מיט וועלכן מען קערט צוזאם די בלעטער.

די קינדער האבן פרובירט צו שטיפן און קערן די בלעטער, אבער האבן שנעל אויפגעגעבן, ווייל ווען ס'זאמלט זיך אן א בלעטל מיט א בלעטל, ווערט עס דאך א גרויסער הויפן.

ווען ס'איז שוין געווען א קליינער בארג, האבן זיי אנגעהויבן טאנצן אינעם הויפן קאלירפולע בלעטער און האבן זייער הנאה געהאט.



די זון האט אנגעהויבן נייגן אויף אראפ, און דער הימל איז געווארן פול מיט הערליכע קאלירטע שטריכן ביים זון-אונטערגאנג.

הערשי'ס באס איז אנגעקומען און האט אים אראפגעלייגט אינדרויסן נעבן די קינדער וואס האבן זיך געשפילט מיטן בארג בלעטער.

זיי האבן שוין געהאלטן ביי דער נעקסטער עקטיוויטי: מען האט ארויסגענומען א בלאזער (blower) וואס בלאזט צוזאם די בלעטער אין א גרויסן בארג, ווייל זיי האבן שוין אויסגענוצט די כוחות אליין צו שלעפן מיטן רעיק.

יוסי האט גענומען דעם בלאזער, אים איינגעפלאגט, מיטשלעפנדיג דריי עקסטענשאן־ווייערס אונטער זיך. ער האט געוואלט בלאזן די בלעטער. הערשי האט צוגעקוקט פון דער זייט. יוסי האט פרובירט איינמאל אנציצינדן דעם בלאזער, אבער וויבאלד ער איז געשטאנען אויף דער אנדערער זייט, נענטער צום פלאג, איז אויסגעקומען אז אלע בלעטער וואס ער האט געבלאזן זענען געפלויגן אין דער פארקערטער ריכטונג.

יוסי איז נערוועז געווארן דערפון און האט זייער שנעל אויפגעגעבן. ער האט עס אראפגעווארפן בשעת ס'איז נאך געווען אנגעצינדן און איינגעפלאגט.

אלע בלעטלעך האבן פלוצלינג אנגעהויבן פליען אין א רונדיגן קרייז, ארום און ארום, פונקט העכער דעם בלאזער פון דער אונטערשטער זייט. הערשי איז צוגעלאפן און האט געגעבן א דרוק אויפן בלאזער. עס האט דאך צוויי קנעפלעך: איינס איז אוועקצובלאזן די בלעטער, און דאס צווייטע איז ווי א וועקיום. מען דריקט דאס קנעפל, און ס'הייבט אן אריינצוציען צו זיך די קליינע שטיקלעך צווייגן וואס באלאנגען נישט אינעם בארג בלעטלעך.

הערשי האט אנגעהויבן נוצן דעם בלעטל-בלאזער, וויסנדיג וויאזוי עס ארבעט.

א גאנצע וואך זענען די קינדער געווען פארנומען אינדרויסן, קוקנדיג ווי גוט הערשי קען בלאזן די בלעטעלעך אין איין הויפן און די צווייגעלעך צוריק אין א צווייטער ריכטונג.

ווען מיין שוועגערין איז געקומען אפנעמען הערשי, האב איך נישט געקענט אויפהערן זיך צו באדאנקען פאר דער גרויסער טובה וואס זי האט מיר געטון מיטן שיקן איר גרויסן הערשי.

כאטש פון אנהייב האט עס אויסגעזען ווי ס'וועט זיך נישט אויסארבעטן אלס קאמפאני פאר מיינע קינדער, איז הערשי געווען א גרויסע הילף. די קינדער זענען געווען באשעפטיגט לאנגע שעות אינדרויסן, פארברענגענדיג די לעצטע פאר נאכמיטאגס אינדרויסן איידער די וועטער ווערט שוין צופיל קאלט און עס לאזט זיך אראפ א פרעסט.

א גרויסער מגיד האט אמאל דערציילט א משל: א פויער האט געזען ווי א שמיד צינדט אן א פייער מיט א בלאזבאלג, און האט געמיינט אז דער באלג אליין מאכט די פלאם. ער איז עס דאן געגאנגען קויפן, אבער אינדערהיים האט עס נאר געבלאזן לופט.

ביים קומען מיט טענות האט דער שמיד אים געפרעגט: "וואו איז דיין גלויענדיקע קויל? אן א פינקל קען דער באלג גארנישט אנצינדן." דער מגיד האט דערמיט געמיינט צו זאגן אז זיינע ווערטער בלאזן אן דעם אידישן פינק צו א פייער.

עס האט עפעס נישט גערעדט צום הארץ פון אן אנוועזנדן איד, וואס האט דאן געפרעגט דעם מגיד דערויף, האט ער אים געענטפערט: "אז א איד אן א פינקל קען מען אים נישט דערווארעמען דאס הארץ."

ווען מען האט דאס דערציילט פאר רבי נתן, האט ער זיך דערקעגן געשטעלט זאגנדיג:

"יעדער איד האט א פינקל, און דער אמת'ער צדיק קען מיט זיינע פשוטע ווערטער אנצינדן אפילו פארלאשענע הערצער."

שכח אייבערשטער אז דער רבי האט חיזוק, עצות און שכל אויף יעדן פרט אין לעבן. מיר הערן זייער שיינע שיעורים וואס דער ראש ישיבה גיט איבער פונעם שכל פון מוהרא"ש, וויאזוי זיך אומצוגיין אין יעדן פרט אין לעבן.

עס מאכט זיך אמאל אז מ'שמועסט מיט א חבר'טע צווישן אנשי שלומינו, און ווען מ'ענדיגט דעם שמועס שפירט מען זיך אביסל דערווייטערט, אנשטאט זיך צו שפירן נענטער צום צדיק, צום אמת און צום תכלית.

שטענדיג איז גוט צו געדענקען: "עס זענען דא בלאזערס, אבער ס'מוז נישט זיין אז זי איז דיין בלאזער". טרעף א גוטע חבר'טע וואס וועט אריינבלאזן אין דיר א חיות, און נישט איינע וואס וועט ארויסנעמען דיין גאנצע חיות!

מ'קען בלאזן אויף פאראויס, אבער מ'קען אויך ווערן אומגליקליך ווען מען טרעפט א בלאזער וואס ציט ארויס די חיות מיט וועלכער מען דערקוויקט זיך פון דעם רבי'ס זיסע עצות. א בלאזער האט דאך צוויי קנעפלעך: אריין און ארויס; מאך זיכער אז דו נוצט עס ריכטיג.

# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**רעגן איז א ברכה!**





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ו | ב | ר | כ | ה | פ | כ | ס |
| ו | נ | ט | ג | ה | ג | ר | ע |
| נ | ל | א | ד | ת | ע | ת | ס |
| מ | ק | ש | ד | ג | כ | מ | נ |
| ק | נ | ש | נ | ד | מ | פ | ד |
| ס | ק | ט | ה | ל | ג | י | ק |
| ע | ס | ג | פ | ס | ג | א | ג |
| ז | ג | ד | ר | ז | נ | ש | י |
| ז | א | ר | ע | ס | א | ו | ו |
| פ | ל | י | ס | ט | ס | ב | מ |
| ש | מ | ה | ב | י | צ | ש | א |
| ק | י | ס | א | ז | פ | ת | ס |
| ס | ה | ת | ד | ח | ט | ע | ג |
| פ | ו | כ | ה | מ | י | ג | י |
| ו | ה | פ | ו | נ | ע | י | ס |
| ל | ע | ק | פ | נ | פ | י | ט |
| י | ס | נ | ש | פ | ז | ל | ד |
| ד | נ | ק | ג | א | נ | צ | ע |
| נ | י | ג | ל | ר | ח | ק | כ |

ס׳רעגנט ס׳גיסט
פון הימל וואסער פליסט
ס׳קומט א ברכה
פאר די גאנצע משפחה!

# קינדער היים

פרשת נח
תשפ"ז




## שיחה אין בילד

**א געקראכטע רעדל**
משפחת גליק

**אייבערשטער איך דארף א זייגער**
יארצייט

**געמיר די האק**
דער בעל בטחון

**ער קריכט אויפן קאפ**
טרעף צו

# יאָרצייטן פון די וואָך

דער הייליגער רבי

## נָחוּם מְטְשֶׁעְרְנָאבִּיל

זי"ע

יארצייט:
י"א חשון

**דֶעם קוּמֶענְדִיגְן דָאנֶערְשְׁטָאג, י"א חֶשְׁוָן, גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן הרה"ק רֶבִּי נָחוּם מְטְשֶׁעְרְנָאבִּיל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.**

**עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן דֶעם הֵייליגְן רֶבִּי ר' בֶּער, דֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד, וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער תַּלְמִיד פוּן דֶעם הֵייליגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.**

## דֶער יוּנְגֶער יָתוֹם

וֶוען דֶער צַדִיק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁעְרְנָאבְּלֶער אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, אִיז זַיין טַאטֶע נֶעבֶּעךְ נִפְטָר גֶעוָוארְן.

דֶער יוּנְגֶער נָחוּם אִיז גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען בַּיי זַיין פֶּעטֶער, הרה"ק רֶבִּי נָחוּם שׁוּסְטַאק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אֵיינְמָאל אִיז דֶער פֶּעטֶער אַוֶועקְגֶעפָארְן, אוּן וֶוען עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעבְּרֶענְגְט מַתָּנוֹת פַאר זַיינֶע קִינְדֶער; עֶר הָאט פַאר יֶעדְן גֶעקוֹיפְט אַ שֵׁיינֶעם זֵייגֶער. עֶר הָאט אָבֶער פַארְגֶעסְן פוּנֶעם קְלֵיינֶעם יָתוֹם נָחוּם אוּן אִים נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט קֵיין זֵייגֶער.

דֶער קְלֵיינֶער נָחוּם אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אַז עֶר הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קֵיין זֵייגֶער.

עֶר אִיז גֶעלָאפְן אִין שׁוּל אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם אָרוֹן קוֹדֶשׁ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין טַאטֶע, אָבֶּער דוּ בִּיסְט דָאךְ מַיין טַאטֶע. מַיין פֶּעטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַאר אַלֶע קִינְדֶער אַזַא שֵׁיינֶע מַתָּנָה, אַ זֵייגֶער, אָבֶּער נָאר פַאר מִיר נִישְׁט. דוּ טַאטֶע, בִּיסְט דָאךְ דֶער אֲבִי יְתוֹמִים, דֶער טַאטֶע פוּן אַלֶע יְתוֹמִים, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גֶעבּ מִיר אוֹיךְ אַ זֵייגֶער..."

וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיין קוּרְצֶע אִידִישֶׁע תְּפִילָה, הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַ גֶערוּדֶער וִוי עֶפֶּעס פַאלְט.

נָחוּם'ל הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי אוֹיגְן אוּן גֶעזֶען אַז פוּן הֶעכֶערְן אָרוֹן קוֹדֶשׁ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַ זֵייגֶער, פּוּנְקְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי דֶער פֶּעטֶער הָאט גֶעקוֹיפְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער.

נָחוּם אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן אִיז אַהֵיימְגֶעלָאפְן וַוייזְן פַאר זַיינֶע קָאזִינְס אַז עֶר הָאט אוֹיךְ אַ זֵייגֶער.

וֶוען דֶער פֶּעטֶער הָאט דָאס גֶעזֶען, הָאט עֶר חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַז דֶער יוּנְגֶער נָחוּם הָאט אֶפְשָׁר גֶעגַנְבֶ'עט דֶעם זֵייגֶער פוּן אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט חַרָטָה גֶעהַאט פַארְן נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיפְן יָתוֹם.

עֶר הָאט גֶערוּפְן נָחוּם אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וואוּ הָאסְטוּ דֶעם זֵייגֶער?"

"פוּן מַיין טַאטֶע," עֶנְטְפֶערְט נָחוּם.

"וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ נַארִישׁ?" בֵּייזֶערְט זִיךְ דֶער פֶּעטֶער, "דַיין טַאטֶע לֶעבְּט שׁוֹין דָאךְ לַאנְג נִישְׁט."

"מַיין טַאטֶע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער," קְלָארְט אִים דֶער יוּנְגֶער נָחוּם אוֹיס.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פַארְן פֶּעטֶער. דֶער פֶּעטֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלוֹיבְּן דִי מַעֲשֶׂה אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "לָאמִיר זֶען. אִיךְ וֶועל גֶעבְּן פַאר אַלֶע קִינְדֶער אַ מַטְבֵּעַ, אוּן לָאמִיר זֶען אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר אוֹיךְ גֶעבְּן אַ מַטְבֵּעַ."

דֶער פֶּעטֶער הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן וִוידֶער אִיז דֶער יוּנְגֶער נָחוּם גֶעגַאנְגֶען צוּם אָרוֹן קוֹדֶשׁ אוּן גֶעזָאגְט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין וואוֹיל אוּן פָאלְגְן דַיין תּוֹרָה אוּן אוֹיךְ צוּ פָאלְגְן דֶעם פֶּעטֶער. דוּ בִּיסְט דָאךְ מַיין טַאטֶע; אִיךְ בֶּעט דִיר

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גֶעבּ מִיר אוֹיךְ אַ מַטְבֵּעַ..."

פְּלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַ קְלַאנְג ווִי עֶפֶּעס פַאלְט אַרָאפּ. נָחוּם בֵּייגְט זִיךְ אַרָאפּ און זֶעט ווִי פוּן הִימְל הָאט מֶען אִים טַאקֶע גֶעשַׁאנְקֶען אַ מַטְבֵּעַ.

וֶוען דֶער פֶּעטֶער הָאט דָאס גֶעזֶען, הָאט עֶר פוּן יֶענֶעם טָאג און וַוייטֶער זֵייעֶר גֶעשֶׁעצְט און טַייעֶר גֶעהַאלְטְן דֶעם יוּנְגְן נָחוּם, וָואס אִיז שְׁפֶּעטֶער אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט ווִיאַזוֹי מִיר קֶענֶען אַלֶע צוּקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים. אוֹיבּ מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג "אוֹיף אוּנְזֶער פָּשׁוּטֶ'ער שְׁפְּרַאךְ", אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן און אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז, וֶועלְן מִיר אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ דִיר יֶעדְן טָאג, דִיר דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער, און דִיר בֶּעטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף."

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.**



# מִשְׁפַּחַת גְּרִיק

## אַ גֶעקְרַאכְטֶע רֶעדְל

מֶענְדִי דֶערְצֵיילְט:

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט בַּיים צֵיין דָאקְטָאר אָנְהוֹיבּ וָואךְ. כָאטְשׁ עֶס אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעשְׁמַאק צוּ גֵיין צוּם צֵיין דָאקְטָאר, וֵוייס אִיךְ אַז עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ הִיטְן דִי גֶעזוּנְט פוּן דִי צֵיין.

וֶוען מַיין מַאמֶע הָאט גֶערוּפְן דִי דָאקְטָאר'ס אָפִּיס אַפָּאר וָואכְן צוּרִיק, הָאט זִי גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין נָאךְ חֵדֶר, אַזוֹי וֶועל אִיךְ גָארְנִישְׁט פַארְפַּאסְן פוּן לֶערְנֶען.

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט פּוּנְקְט אַ גוּטֶע צַייט אַז מִיר זָאלְן נָאךְ רוּאִיג קֶענֶען פָארְן דִי פִינְף אוּן פֶערְצִיג מִינוּט צוּם אָפִּיס.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט וֵויי טוּן אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן אוּן לִיגְן רוּאִיג אוֹיפְ'ן בֶּענְקְל.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט טְרֶעפְן לֶעכֶער אִין מַיינֶע צֵיינֶער.

בַּיים לִיגְן אוֹיפְ'ן דֶענְטִיסְט בֶּענְקְל הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט עִירְפָּאדְס מִיט לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק פוּן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַזוֹי וֶועל אִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק פִילְן וִוי מֶען אַרְבֶּעט אוֹיף מִיר.

שְׁכֹּחַ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן פוּן שְׁרַייעֶן, אוּן אִיךְ בִּין גֶעלֶעגְן גְרָאד דִי גַאנְצֶע צַייט.

עֶס הָאט טַאקֶע גֶענוּמֶען אַסַאךְ שְׁנֶעלֶער וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט.

אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים הָאבְּן מִיר פְּלוּצְלִינְג גֶעהֶערְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע גֶערוּדֶער פוּן דִי קָאר, אוּן דִי קָאר הָאט זִיךְ אַבִּיסְל גֶעשָׁאקְלְט. דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ עֶס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט.

אָבֶּער אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן מִיר וִוידֶער גֶעהֶערְט דִי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע גֶערוּדֶער. עֶס הָאט גֶעפִילְט וִוי עֶס קוּמְט פוּן אַ רֶעדְל.

מַיין טַאטֶע אִיז אַרוֹיס פוּן דִי קָאר, בַּאקוּקְן וָואס עֶס גֵייט פָאר, אוּן... יָא, אִיר הָאט גוּט צוּגֶעטְרָאפְן. אֵיין רֶעדְל אִיז גֶעוֶוען פְלַאךְ, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ גֶעפְּלַאצְטֶע אֵיי.

גְלַייךְ הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט אַ תְּפִלָּה "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אַז מִיר זָאלְן עֶס גְלַייךְ קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן".

מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי נָאמְבֶּער פוּן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען טוֹישְׁן רֶעדֶער, אָבֶּער בֵּיידֶע הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן.



מִיר הָאבְּן וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְנָאךְ אִיז אַיינְגֶעפַאלְן פַאר מַיין טַאטֶע צוּ רוּפְן חֲבֵרִים. חֲבֵרִים הָאט גֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן שִׁיקְן אֵיינֶער עֶס טוֹישְׁן.

ח. צ. גליק

דֶערְוַוייל אִיז גֶעוָוארְן שְׁפֶּעטֶער און שְׁפֶּעטֶער, און אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַבִּיסְל אָנְגֶעצוֹיגְן.

מִיר הָאבְּן יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נַייֶע כִּתָּה, און אִיךְ דַארְף אוֹיפְשְׁטֵיין זֵייעֶר פְרִי. בִּכְלַל, שְׁלָאפְן גֵיין אִיז מִיר נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג.

אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען שֵׁיין פָאלְגְן וֶוען מַיין מַאמֶע שִׁיקְט מִיר אַרַיין אִין בֶּעט. אִיךְ מוּז גֵיין שְׁלָאפְן אִין צַייט. דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִויאַזוֹי אִיךְ זָאל קֶענֶען נָארְמַאל אוֹיפְשְׁטֵיין דִי נֶעקְסְטֶע צוּפְרִי.

דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס רֶעדְט מִיר אָן בַּיינַאכְט אִיךְ זָאל נִישְׁט פָאלְגְן טַאטֶע און מַאמֶע און אַרַיינְגֵיין אִין בֶּעט, פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ אַן אַנְדֶערֶע וֶועג צוּפְרִי, און מַאכְט אַז מַיין בֶּעט זָאל פְלוּצְלִינְג וֶוערְן מוֹרָא'דִיג בַּאקְוֶועם און וַוארֶעם, אַז וֶוען מַיין מַאמֶע וֶועקְט מִיר אוֹיף קֶען אִיךְ קוֹים אַרוֹיסְקוּמֶען.

עֶנְק פַארְשְׁטֵיין? בַּיינַאכְט רֶעדְט עֶר מִיר אָן אַז מַיין בֶּעט שְׁטֶעכְט און עֶס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם.

צוּפְרִי רֶעדְט עֶר מִיר אָן אַז מַיין בֶּעט אִיז אַזוֹי בַּאקְוֶועם און וַוארֶעם, און אַז אִיךְ בִּין נָאךְ אַזוֹי מִיד.

אָבֶּער שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דִי מַתָּנָה פוּן תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

אִיךְ דֶערְצֵייל אוֹיךְ דָאס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז פַאר מִיר אַרוֹיסְצוּקוּמֶען פוּן בֶּעט צוּפְרִי, און אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל מִיר זַיין גְרִינְג און גֶעשְׁמַאק צוּ אוֹיפְשְׁטֵיין און לוֹיפְן צוּ חֵדֶר.

שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אַ גֶעטְרֵייעֶ חֲבֵרִים מֶעמְבֶּער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נִישְׁט צוּפִיל שְׁפֶּעטֶער, און נָאךְ אַ בַּאקוּקְן דִי רֶעדְל הָאט עֶר גֶעזֶען אַז מֶען דַארְף עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט טוֹישְׁן.

עֶר הָאט פַארְשְׁטָאפְּט דִי לָאךְ מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאךְ, און בִּיז אַפָּאר מִינוּט זֶענֶען מִיר שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים.



# דעם רבינ'ס חדר

## טרעף צו

**וועלכע זאך האט פיס אבער ער קריכט אויפן קאפ?**

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

ווען מיר זיצן אין סוכה זיצן מיר אונטער די שאטן.

**פונעם אייבערשטן**



## מילתא דבדיחותא

### עסן אליין

איינער איז אמאל אריין צו א טעיק אוט געשעפט, ער בעט דעם ארבעטער "געב מיר ביטע 5 פלייש סענדוויטשעס, 8 פרענקס, 3 טעלערס פרענטש פרייס".

דער ארבעטער פרעגט אים "דאס אלעס גייסטו עסן אליין"?!

ענפערט ער, "ניין אודאי' נישט, איך וועל עס עסן מיט קעטשאפ..."

## בחידה טובה

**1. ווי שטייט ביים דאווענען 3 ווערטער אין א צי', אלע האבן די זעלבע אותיות, אבער יעדע פון די 3 ווערטער טייטשט אנדערש?**

**חידות און ענטפערס פון פאריגע וואך:**

1. ווי אזוי קען אויסקומען אז מען זאל ליינען איין פרשה (ביז שני) אכט מאל במשך 2 וואכן?

**ווען די ערשטע טאג און די אכטע טאג פסח געפאלן אין שבת ליינט מען שמיני 8 מאל. א) מנחה שבת צו, ב) מאנטאג, ג) דאנערשטאג, ד) מנחה יום א דפסח, ה) מנחה יום ח' דפסח, ו) מאנטאג שמיני, ז) דאנערשטאג שמיני, ח) שבת שמיני ג**

2. וואס וועגט מער א פונט שטיינער אדער א פונט שטרוי?

**ביידע וועגט א פונט...**

## ספר המדות'ל

### אֲכִילָה

**יג. "לְ'כוּ לַ'חֲמוּ בְ'לַחְמִי וּ'שְׁתוּ", רָאשֵׁי תֵבוֹת "לוּלָב", "בְּיַיִן" עִם הָאוֹתִיּוֹת גִּימַטְרִיָּא רָאשֵׁי תֵבוֹת שֶׁל "אֶ'תְרוֹג הֲ'דַס עֲ'רָבָה", "מָסָכְתִּי" בְּחִינַת סֻכּוֹת. עַל יְדֵי מִצְוַת נְטִילַת אַרְבָּעָה מִינִים וְעַל יְדֵי סֻכָּה, אָדָם זוֹכֶה לַאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וּמַלְבּוּשִׁים, וְגַם לְחִיּוּת הַנְּשָׁמָה. עַל יְדֵי סֻכָּה זוֹכֶה לְמַלְבּוּשִׁים, בְּחִינַת "בְּשׂוּמִי עָנָן לְבוּשׁוֹ", עַל יְדֵי עַרְבֵי נַחַל זוֹכֶה לִשְׁתִיָּה, עַל יְדֵי הֲדַס זוֹכֶה לְחִיּוּת הַנְּשָׁמָה, וְעַל יְדֵי לוּלָב וְאֶתְרוֹג זוֹכֶה לַאֲכִילָה, כִּי יֵשׁ בָּהֶם פְּרִי, שֶׁהֵם מִינֵי מַאֲכָל..**

דוּרְךְ דִי מִצְוֹת פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב אוּן זִיצְן אִין דִי סוּכָּה, אִיז אַ מֶענְטְשׁ זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען עֶסְן, טְרוּנְקֶען, אוּן קְלֵיידֶער, אוּן אוֹיךְ אַ לֶעבְּהַאפְט פַאר זַיין נְשָׁמָה.

דוּרְךְ דִי סוּכָּה בַּאקוּמְט מֶען קְלֵיידֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אִיּוֹב ל"ח, ט') "בְּשׂוּמִי עָנָן לְבוּשׁוֹ", דִי סוּכָּה אִיז אַ זֵכֶר צוּ דִי וָואלְקֶענֶעס וָואס הָאבְּן אַרוּמְגֶענוּמֶען דִי אִידְן וִוי אַ קְלֵייד; דוּרְךְ דִי עֲרָבוֹת וָואס וַואקְסְן בַּיים טַייךְ, בַּאקוּמְט מֶען טְרוּנְקֶען; דוּרְךְ דִי הֲדַסִים בַּאקוּמְט מֶען חַיּוּת פַאר דִי נְשָׁמָה, דִי נְשָׁמָה הָאט הַנָאָה פוּן אַ גוּטֶע גֶערוּךְ; אוּן דוּרְכְ'ן לוּלָב אוּן אֶתְרוֹג, וָואס הָאבְּן אִין זִיךְ פֵּירוֹת וָואס מֶען קֶען עֶסְן, בַּאקוּמְט מֶען עֶסְנְוַוארְג.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (מִשְׁלֵי ט', ה') "לְכוּ לַחֲמוּ בְלַחֲמִי וּשְׁתוּ בְּיַיִן מָסָכְתִּי"; דִי רָאשֵׁי תֵיבוֹת פוּן "לְ'כוּ לַ'חֲמוּ בְ'לַחֲמִי וּ'שְׁתוּ" אִיז "לוּלָב", דָאס וָוארְט "בְּיַיִן" מִיט דִי פִיר אוֹתִיּוֹת אִיז בְּגִימַטְרִיָּא דִי רָאשֵׁי תֵיבוֹת פוּן "אֶ'תְרוֹג הָ'דָס עֲ'רָבָה", אוּן דָאס וָוארְט "מָסָכְתִּי" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן סוּכּוֹת.

# קליין און שיין


אדי און אסתי היימליך


אליעזר שלמה יאקאבאוויטש


אשי הערצאג


העני ווערטהיימער


הערשי סאמעט


חיה שורי הורוביץ


חנה לעווי מאנסי, לעכט


יואליש סאמעט


לייקי סאמעט


מענדי סאלז



מענדי שווארץ



משפחת פוקס



נחמן יאקאבאוויטש



נחמן נתן רוטה שטעטל



סערל ראטה



פייגי פינטער



קיילי & עטי ווייס



קיילי ווייס



שרה פערל



מלכי ראטה



מענדי שווארץ



יונתן און בייניש לעזער

# 8 דער בעל בטחון




ישראל דוד האסקעל

# מיט  תפלה

רִבְקָה ווֶעבֶּערְמַאן קִרְיַת בְּרֶסְלָב פַּארְצֵיילְט:




געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**

די מעשה פון תפילה ווערט גענומען פון "קול ברסלב" האטליין. לאזט אריין אייער מעשה, און די בעסטע מעשה וועט ווערן געמאלן.

# שיחה אין בילד

טרעף צו
וועלכע
שיחה
פון רבי'ן
דערמאנט
דיך דעם
בילד

